און לויבן די „גוטסקייטג אליין
ביזן טאג אריין,
דאס מיינט מען דאך דיך נו—. . .
גוטסקייט, זו ביסטו ?. ווו..
באוויז, אז מיט דיר איז ליכטיקער די וועלט
העלער ווי העל צעהעלט,
אז מיט דיר איז דער בן־אדם א מלך
קאן פארטרייבן יעדן מולך,
אז מיט דיר איז לייכטער דאס לעבן
דעם דופק פון צלם־אלוקים צו הערן,
ס'גוט גוטסקייט מיט דיר מאכן שלום
טא זיי מיט מענטש, ניט אין חלום
זיי אין אים אויף דער ערד,
פאר אים דיין באשאף, פאר אים באשערט,
זיי נישט קיין בושת־פנים,
אך התנצלות יאג אן דעם בן־אדם.

מלך ראוויטשן

צו זיין קבלת פנים אין לייוויק הויז
תל־אביב, אפריל 1972

אין ליד „לכבוד שבועות" זייטל 6 שורה 11
שטאט: „מיט היי הויך זיינע הועיות".
מוז זיין: מיט „הוי ה"־הויך זיינע הועיות.

בן אורי קונסט גאלעריע, יידישער וועלט־קאנגרעס (יידישער קאמיטעט)
און יידישער זשורנאליסטן פאריין

## קבלת פנים לכבוד

דעם 75־טן געבוירנטאג פון אונזער דיכטער

## א. נ. שטענצל

**זונטיק, דעם 4־טן יוני, 1972, פונקט 3 א זייגער**

אין

**21, DEAN STREET, LONDON, W.1.**

באגריסונגען:

א. גאלדבערג, ש. גאלדשמידט, ד"ר מ. גערטנער,
י. הערמאן, י. זאנטאג, י. לעפטוויטש,
ב. פילדמאן, י. פרענקעל, י. צאנג

רעציטאציעס:

סעם גאלדבערג, קאלמאן קאפעץ

פארזיצער:

ד"ר ישראל פעלדמאן

איינטריט פריי

קומט אין צייט



# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 8־6 (העפט 2־400) 33־סטער יאר יוני־יולי־אויג. 1972 לאנדאן

א י נ ה א ל ט:

ירושלים השלימה און די גאנצקייט פון יידישן פאלק, מאמע לשון,
„אך הפעם", דערלעבן ...... ...... ...... ...... ...... ...... *** 3
ראש־השנה מחשבות, ...... ...... ...... יוסף בן שמעון וויינשטיין 14
שלום כאמעלע, מענדל ביילעס (סקיצן) ...... ...... יעקב דזשערנאווסקי 17
תשעה באב (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... דערעק ריד 20
פעסימיסטישע געדאנקען, ...... ...... ...... ...... אסתר ערליכמאן 20
דריי שטערן (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... עלא זילבערג 21
מר. קארט ...... ...... ...... ...... ...... ...... ח. נ. בענקוויטש 22
מען ווערט עלטער (ליד) ...... ...... ...... ...... אייזיק גאלדבערג 26
פארן לעצטן געראנגל, א מעשהלע פון א פארשוואונדענעם למד־וואווניק,
אזעלכע פרילינג־סטראפעס היי־יאר (פראזע און פאעזיע)
...... ...... ...... ...... ...... ...... ...... א. נ. שטענצל 26
א גאלדן בלימעלע אין דער „איסט סייד" (מיין „טאטנס בית־דין שטוב"
פון יצחק באשעוויס), ...... ...... ...... ...... סעם גאלדבערג 36
יידיש (ליד) ...... ...... ...... ...... ...... ...... רות באכנער 38
יידיש אין מדינת־ישראל ...... ...... ...... ...... ...... נעט רובין 39

**די קולטור ידיעות** מחמת, ענג אין פלאץ, וועלן קומען קומענדיקן חודש.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

עלא זילבערג ווינטשט א. נ' שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דער־פרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז:—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד:—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי בר כוכבא און כרמל פון פערלאג „נאראד פרעס" ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שווישפילער און באזונדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר מר און מרס לעסלי בער ווינטשט אלע זיינע קרובים און פריינט א כוח״ט.

אונזער טאכטער, איידעם, אייניקלעך, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון יידיש לשון און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייוועד ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן שוועסטער און ברודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א כוח״ט.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

### צו די יידישע שרייבער אין סאוועטן־פארבאנד

דער „יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן־פאריין" אין ענגלאנד, נאך א צווייטעגיקן איבשמועס מיט פען־קאלעגן אין פאריז, פראנקרייך, האט באשלאסן ארויסצושיקן אן איינלאדונג צום פארבאנד פון סאוועטישע שרייבערס, יידיש סעקטאר, אנטייל צו נעמען אין א געמיינזאמען סימפאזיום כדי ערנסט צו באהאנדלען דעם מצב פון יידישן לשון און יידישער ליטעראטור אין דער וועלט.

דער פארלייג ארויסצושיקן איינלאדונגען צו די יידישע שרייבערס אין סאוועטן־פארבאנד, איז געקומען פון ה יואל צאנג, בעת זיינעם א רעפעראט געהאלטן היינטיקן חודש יוני, 1972, אויף א סימפאזיום אין פאריז אידישער וועלט קאנגרעס: „אונדזער

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטה שאפ" ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

סיידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

לשנה טובה צום נשיא אין ישראל שלמה זלמן שזר, צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן", מדינת ישראל, ולכל ישראל חיים נח בענקוויטש.

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה א כתיבה וחתימה טובה.

מאטל און עטטי מארגנשטערן ווינטשן די משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום.

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוח״ט.

### יוסף לעפטוויטש — לגבורות

דער יידישער און ענגליש־יידישער דיכטער, זשורנאליסט, אנטאלאגיסט און איבערזעצער יוסף לעפטוויטש, וועט אי״ה ראש־השנה תשל״ג ווערן א בן־שמונים, כה לחי! דער „פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און שרייבער" אין לאנדאן; די „פעדעראציע פון יידישע הילף־ארגאניזאציעס" מיט וועלכער דער בעל־יובל איז ענג פארבונדן זינט יארן ווי איר דירעקטאר, „דער יידיש־קאמיטעט ביים יידישן וועלט־קאנגרעס" דא — וועלן אפהאלטן א מסיבה אפצומערקן פייערלעך דעם 80־סטן געבוירן טאג פון חשובן שרייבער י. לעפטוויטש:

זונטיק, דעם 3טן סעפטעמבער, 1972. א זייגער 3 נ״מ אין סאוראי האטעל, לאנדאן. א ספעציעלער יובל־העפט וועט צוגעגרייט ווערן צום דרוק לכבוד דעם חתן־היובל

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 8־6 (העפט 2־400) 33־סטער יאר יוני־יולי־אויג. 1972 לאנדאן


## ירושלים השלימה און די גאנצקייט פון יידישן פאלק

1

דאס הייליקסטעווארט, וואס מיר פארמאגן, איז דאס ווארט ירושלים און אין גלות איז עס געווארן דאס ממעמקים־פארטיפסטע — דאס שלמעלהדיקסטע! און אין ירושלים של־מטה וועט יידיש בלייבן דאס לעצטע פון אלע אונזערע גלות־לשונות — „ורוממתנו מכל לשון"! ווייל עס איז דאס געניאלסטע, וואס מיר האבן געשאפן אין די דיאספארע־לענדער אין די לעצטע טויזנט יאר. א שפראך וואס האלט צוזאם א געיאגט פאלק.

הינטער געטא־ווענט האבן מיר עס אויסגעקלאפט מיטן שלאגן פון אונזערע הערצער — ווי הארציק עס אויסגעהעמערט!

מיט איין ווארט, מיט איין אות, מיט אן אקצענט בלויז, „נו?", „נו, נו!" שמועסן מיר זיך אדורך. איין קנייטש און מיר פארשטייען זיך.

אונזער שפת־יידיש איז נישט קיין „ליפן שפראך", א דריי מיטן אויג געניגט, א מאך מיט דער האנט, א קוועטש מיטן אקסל — „כל עצמותי תאמרנה"! אויג אויף אויג רעדט א ייד מיט גאט, א מאמע מיט איר קינד — הארץ צו הארץ. נישט בחינם הייסט יידיש מאמע־לשון.

ווי טוליענדיק־לוליענדיק, ווי נעבעכדיק־ווייך א יידיש ווארט קאן זיין!

אין אונזער מאמע־לשון, ווי האבן מיר פון די הארטסטע גערמאנישע און סלאווישע ווערטער ארויסגעטרייבערט די טריף־שטיפע גיד־הנשהס — דעם הארטן זאך־בוי אויסגעביינערט און אויסגעשטיינערט.

צומאל אונזערע אייגענע ווערטער פון לשון־עברית, ווי זיינען זיי געווארן פארלשון־קודשט, געווארן נשמהדיק־רייך, פארלוירן זייער דקדוק־עניות; דער טראפ דערויף ווי אויגן־פייכט, ווי מעלאדיש — יעדעס שטעטל האט געהאט זיין הארץ־ציענדיקן שלשלת ניגון.

ערשט מיטן ערשטן גלות־ייד, „איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן־יאיר בן־שמעי בן־קיש, איש ימיני אשר הגלה מירושלים — הונדערטער, הונדערטער מאל איז דאס ווארט ירושלים דא אין תנ״ך, אבער תמיד איז עס חסר, אנעם ייד — ווי איז דאס ווארט ירושלם, יערוזאלעם, געיידישט געווארן — י־רו־ש־ל־ים.

מיט אט דער ניגונדיקער צעצויגנקייט — מיטן קלענסטן אות פון אונזערע אותיות — מיטן בדמיך חיי־יידעלע! ציען מיר אונזער לאנגן, שעפערישן

## לשנה - טובה - ווונטשן

די רעדאקציע „לשון און לעבן“ ווינשט אירע מיטארבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאראדיצקי בר כוכבא און כרמל פון פערלאג „נאראד פרעס“ ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפחה און פריינט פון יידיש לשון שווישפילער און באזינדער מארק מארקאוו און עטא טאפעל, אין סאדערן ראדישיא, א כוח״ט.

עלא זילבערג — שנה טובה ומאושרת, א געזונטן פריילעכן יאר פאר מיין ליבן ברודער, זיינע פרוי און קינדער, און פאר אלע פריינט פון אידישן פאלק און לשון.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר

מר און מרס לעסלי בער ווינטשט אלע זיינע קרובים און פריינט א כוח״ט.

אונזער טאכטער, איידעם, אייניקלעך, ריטשמאנס משפחה און פריינט. באזונדערס אלע פריינט פון יידיש לשון און כל ישראל — אייזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פריינט אלעס בעסטע צום נייעם יאר.

דוד גרייוער ווינטשט משפחה און פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

נחום שטענצל און פרוי און א. נ. שטענצל ווינטשן קרובים און פריינט א כוח״ט.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן שוועסטער און ברודער, קינדער און אייניקלעך, פריינד און גאנצע משפחה א כוח״ט.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשן דעם כלל ישראל א שנה טובה.

### צו די יידישע שרייבער אין סאוועטן־פארבאנד

דער „יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן־פאריין“ אין ענגלאנד, נאך א צווייטעגיקן איוסשמועס מיט פען־קאלעגן אין פאריז, פראנקרייך, האט באשלאסן ארויסצושיקן אן איינלאדונג צום פארבאנד פון סאוועטישע שרייבערס, יידיש סעקטאר, אנטייל צו נעמען אין א געמיינזאמען סימפאזיום כדי ערנסט צו באהאנדלען דעם מצב פון יידישן לשון און יידישער ליטעראטור אין דער וועלט.

דער פארלייג ארויסצושיקן איינלאדונגען צו די יידישע שרייבערס אין סאוועטן־פארבאנד, איז געקומען פון ה יואל צאנג, בעת זיינעם א רעפעראט געהאלטן הייטיקן חודש יוני, 1972, אויף א סימפאזיום אין פאריז אידישער וועלט קאנגרעס: „אונדזער

סעמועל, 97 ניוראד „סעקענט קלאטהשאפ“ ווינטש אלע זיינע פריינט א גוט יאר.

סיידי שעני, טורנער סטר. 10, א.1. ווינשט איר ברודער, און פאמיליע, און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

חיים האלדשטוק ווינשט א כתיבה וחתימה טובה זיין משפחה און פריינט.

ישראל שטיגלץ ווינטש א גוט געזונט יאר זיין משפחה, פריינט, דא און מעבר לים. א סך גוטע ברכות צום נייעם יאר.

לשנה טובה צום נשיא אין ישראל שלמה זלמן שזר, צו מיין טאכטער און איידים נילי און בנימין סלאנט, צו מיינע אייניקלעך, בישראל צו מיין ברודער זשוליאן גראס און פרוי און קינדער, מיין משפחה ראז און וויקטאר און פריינט. גוסטא גייפמאן.

יוסף גרינבערג און פרוי ווינטשן א גוט יאר משפחה און פריינט.

שנה טובה, כתיבה וחתימה טובה צו מיינע קינדער אייניקלעך אוראייניקלעך, צו מיין משפחה, פריינט, חברים פון „לשון און לעבן“, מדינת ישראל, ולכל ישראל חיים נח בענקוויטש.

שלום און פאולא יאקובאוויטש ווינטשט זיין משפחה א כתיבה וחתימה טובה.

מאטל און עטטי מארגנשטערן ווינטשן די משפחה און אלע פריינט א גוט געזונט יאר. א יאר פון שלום.

דוד בערמאן 207 לאוער קלעפטאן רויד, א.5, ווינטשט זיינע גוטע פריינט און באקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

וואלף קאסאוו און משפחה ווינטשן אלע זייערע קרובים און פריינט א כוח״ט.

### יוסף לעפטוויטש — לגבורות

דער יידישער און ענגליש־יידישער דיכטער, זשורנאליסט, אנטאלאגיסט און איבערזעצער יוסף לעפטוויטש, וועט אי״ה ראש־השנה תשל״ג ווערן א בן־שמונים, כה לחי! דער „פאריין פון יידישע זשורנאליסטן און שרייבער“ אין לאנדאן; די „פעדעראציע פון יידישע הילף־ארגאניזאציעס“ מיט וועלכער דער בעל־יובל איז ענג פארבונדן זינט יארן ווי איר דירעקטאר, „דער יידיש־קאמיטעט ביים יידישן וועלט־קאנגרעס“ דא — וועלן אפהאלטן א מסיבה אפצומערקן פייערלעך דעם 80־סטן געבוירןטאג פון חשובן שרייבער י. לעפטוויטש: זונטיק, דעם 3טן סעפטעמבער, 1972. א זייגער 3 נ״מ אין סאוראי האטעל, לאנדאן. א ספעציעלער יובל־העפט וועט צוגעגרייט ווערן צום דרוק לכבוד דעם חתן־היובל

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, קונסט און קולטור

נומער 8־6 (העפט 2־400) 33־סטער יאר יוני־יולי־אויג. 1972 לאנדאן

## ירושלים השלימה און די גאנצקייט פון יידישן פאלק

1

דאס הייליקסטע ווארט, וואס מיר פארמאגן, איז דאס ווארט ירושלים און אין גלות איז עס געווארן דאס ממעמקים־פארטיפסטע — דאס שלמעלה־דיקסטע! און אין ירושלים של־מטה וועט יידיש בלייבן דאס לעצטע פון אלע אונזערע גלות־לשונות — „ורוממתנו מכל לשון“! ווייל עס איז דאס געניאלסטע, וואס מיר האבן געשאפן אין די דיאספארע־לענדער אין די לעצטע טויזנט יאר. א שפראך וואס האלט צוזאם א געיאגט פאלק.

הינטער געטא־ווענט האבן מיר עס אויסגעקלאפט מיטן שלאגן פון אונזערע הערצער — ווי הארציק עס אויסגעהעמערט!

מיט איין ווארט, מיט איין אות, מיט אן אקצענט בלויז, „נו?“, „נו, נו!“ שמועסן מיר זיך אדורך. איין קנייטש און מיר פארשטייען זיך.

אונזער שפת־יידיש איז נישט קיין „ליפן שפראך“, א דריי מיטן אויג געניגט, א מאך מיט דער האנט, א קוועטש מיטן אקסל — „כל עצמותי תאמרנה“! אויג אויף אויג רעדט א ייד מיט גאט, א מאמע מיט איר קינד — הארץ צו הארץ. נישט בחינם הייסט יידיש מאמע־לשון.

ווי טוליענדיק־לוליענדיק, ווי נעבעכדיק־ווייך א יידיש ווארט קאן זיין! אין אונזער מאמע־לשון, ווי האבן מיר פון די הארטסטע גערמאנישע און סלאווישע ווערטער ארויסגעטרייבערט די טריף־שטיפע גיד־הנשהס — דעם הארטן זאך־בוי אויסגעביינערט און אויסגעשטיינערט.

צומאל אונזערע אייגענע ווערטער פון לשון־עברית, ווי זיינען זיי געווארן פארלשון־קודשט, געווארן נשמהדיק־רייך, פארלוירן זייער דקדוק־עניות; דער טראפ דערויף ווי אויגן־פיכט, ווי מעלאדיש — יעדעס שטעטל האט געהאט זיין הארץ־ציענדיקן שלשלת ניגון.

ערשט מיטן ערשטן גלות־ייד, „איש יהודי היה בשושן הבירה ושמו מרדכי בן־יאיר בן־שמעי בן־קיש, איש ימיני אשר הגלה מירושלים — הונדערטער, הונדערטער מאל איז דאס ווארט ירושלים דא אין תנ״ך, אבער תמיד איז עס חסר, אנעם ייד — ווי איז דאס ווארט ירושלם, יערוזאלעם, געיידישט געווארן — י־רו־ש־ל־ים.

מיט אט דער ניגונדיקער צעצויגנקייט — מיטן קלענסטן אות פון אונזערע אותיות — מיטן בדמיך חיי־יידעלע! ציען מיר אונזער לאנגן, שעפערישן

וועג; אויף יעדן מייל־שטיין קלינגען מיט אויס זיין גין־גאלדענע עכטקייט; פונם נהרות־בבל אן, אין אלע טייכן, אין אלע טרערן־ימים, הייליק געטובלט, מאמעדיק געצוואגן — דאס געניאלסטע וואס מיר האבן געשאפן אין די לעצטע טויזנט יאר איז אונזער יידיש־לשון.

און דאס מיינט נישט ערשט די יידישע ליטעראטור, דאס יידישע פאלקס־ליד — די שפראך גופא!

נישט נאר האבן מענדעלע, פרץ, שלום־עליכם ביזן עכטן פאעט פונם היינטיקן טאג אויף זיך דעם חותם פון זייער פאלק, נאר די געשאפענע שפראך אליין שוין — דאס פארטייטשן. פונם פורים־שפילער ביזן פאלקס־ליד, איז פאלג מיך א געזאנג.

„גיי איך מיר ארויס אויפן גאניקל דאס שטעטעלע בא־קו־קן“ — — —

דאס פארטייטשן פונם ווארט „ואני און איך האב מיט דיין מאמע רחל נישט אזוי געטון“; דאס אויסזינגען פון דעם איינעם ווארט „ואני“, דאס גאנצע חושכדיקע חדר, דער גאנצער גלות איז דאך ליכטיק געווארן.

דאס אויסזינגען דעם טייטש פונם ערשטן פסוק פון שיר־השירים — אין ענגע געסלעך, אין אלע דערשטיקטע שטיבלעך איז דער פרילינג אריינגע־קומען; באקסנביימער און עפלביימער האבן אויפגעבליט און ווארקענדיקע טויבן זיינען ארומגעפלויגן.

און ערשט דאס גלייכווערטל, דער שיחת־חולין.

ווי האט א רבי געטייטשט דעם פסוק „והנה הנער בוכה ותאמר מילדי העברים זה“? אינם געוויין, אינם קרעכץ, אינם „אוי“ דערקענט מען א ייד!

און נאך אין די מלחמה־יארן, ווען די באמבעס האבן געהאגלט איבער ווייטשעפל; ווען מ׳האט די מתים אויסגעגראבן פון אונטער די חורבות, האט ד״ר פינעס צו מיר געזאגט: „וויאזוי דערקען איך א יידישן גוסס צווישן די מתים, כ׳זאל אים איבערגעבן צו דער חברה קדישא? אינם קרעכץ, אינם „אוי“, דערקען איך א ייד“.

2

מיט אונזער יידיש־לשון אין מזרח־אייראפע איז קיין איין יידיש־ריידנ־דיקער ייד פון אונז נישט אנטלאפן — אין גם אחד! דאס לשון האט אונז געיידישט. ווי א מאמע אין אירע ארעמס האט עס אונז צוזאמענגעהאלטן. אפילו דאס „ווייסע ציגעלע אונטער יעקעלעס וויגעלע“ איז געווארן א קליין יידעלע און „געפארן האנדלען מיט ראזשינקעס און מאנדלען“.

אונזער תורה איז געווען א „לב־טוב“, א „קב הישר“ אין פינסטערן גלות־וועג; א טאנצנדיקע „צאינה וראינה“ אין די שבתדיקע טעג.

א יידישער סאציאליסט, א קאמוניסט, אן אטאאיסט האט נישט געמוזט אנטלויפן צו זוכן וועלטלעכע קולטור, ער האט געהאט א בליענדיקע יידישע מאדערנע קולטור פארווארצלט אין יידישע, אין געשיכטלעכע טראדיציע.

„יידיש איז טויט“! איז שוין אפילו „געפגרט“ — אז אך און וויי צו די טויטן־שענדערס, וואס ווארטן שוין מיט די מעסערס אין די הענט.



און צי וואלט דען פאר אכצן הונדערט יאר אנדערש געווען מיט עברית, מיט אונזער תורה שבכתב, ווען נישט אונזער תורה שבעל־פה, ווען נישט אונזערע גריכישע, לאטייניקע, אראמעאישע און אנדערע תרגומים?

פון רבי מאיר, דעם סופר סת״ם, וואס ער, מסתם האט אונזער ספר־הספרים צום ערשטן מאל גאנץ אויפגעשריבן — האט דאך זיין רבי ר׳ עקיבא זיך ערשט געסטארעט און אויסגעפועלט, אז מ׳זאל שיר־השירים אריינגעמען אין תנ״ך אריין! — פון רבי מאיר, וואס האט געקענט מיט זיין חריפות מטהר זיין א שרץ בק״ן טעמים ביזן צעפלפולטן רב שכנא, דער רבי פון רמ״א און מהרש״ל איז דאס געווען א פאלג מיך א גאנג —

און שטאמט אפשר נישט דאס פאלקס־ווארט: „שכנא וואס לויפסט?“ טאקע פונם רבי רב שכנה? מ׳דערציילט: די תלמידים פלעגן אים ארויסרייסן א בלאט פון דער גמרא און ער מיט זיין פלינק־לויפנדיקן קאפ האט עס נישט געמערקט, און ער מיט זיין פלפול האט אלץ צו רעכט געמאכט.

א, מיר וואלטן דאך געווען פארקומען פון לויטער מרה־שחורה אין דעם פינסטערן „פה־ליך“ ווען נישט דער צעפלפולטער שיחת־חולין — א פידל אנגעצויגן אויף אלע סטרונעס, א דריי מיטן גראבן פינגער אויף דער קווינטע — דאס ווארטשפיל פונם רבינס מויל. און די תלמידים ארום, א טאנצנדיקע סימפאניע אויפצוכאפן א דריי פונם אויג, א קנייטש פונם שטערן, א חכמה־דיקן וואונק און דאס שווערע תוספותל איז פארצערעוועט, און דער הארבער רמב״ם איז פאסטריגעוועט.

„וחי בהם!“ וואס איז עסן, וואס איז טרינקען, וואס מיר שלאפן? אזא פלפול האט זיך געקאנט ציען גאנצע מעת־לעתן און אלע געסלעך פון שטעטל האבן מיטגעטאנצט, מיטגעזונגען — א מצוה־טענצל, א „שער“ — „שער און אייזן“!

דער לומדישער שיחת־חולין איז דאך דאס אינטעלעקטועלע אין אונזער יידישן לשון. ערשט דער עסטעטיש־ברייטער חסידישער טיש־שמעס.

און איז נישט דער בית־מדרש און ישיבה קאדריל פון פוילן און ליטע דער פארויס־טאנץ פארן אוקראינישן־גאליצישן דבקות־טאנץ־מינועט, פארן רבישן גלייכווערטל און תורה־„זאגן“?

אז דער רבי ר׳ יהונתן האט געזעען אז זיין „תומים“ און כריתי ופליתי״ נעמען נישט מער אזוי אויס, האט ער זיך גענומען צו זיין „יערות דבש“ — „מעז יצא מתוק“.

און העמלט האט זיך באוויזן דער דובנער מגיד מיט זיין געשאפענעם משל־מעשהלע, מיט זיין זיס־באחנטן דרשה־ניגון און די „קאלטע“־קלויזן און „טויטע“־שולן האבן אויפגעלעבט, האבן זיך דערווארעמט. אין א שניידעריש און שוסטעריש שולעכל איז ליכטיק געווארן ווען מ׳האט זיך געיאוויעט דאס „פיעכאטע“ מגידל.

דער גרויסער מגיד פון מעזריטש, דער קאזשעניצער־מגיד — — מיטן בעל־שם׳ס א „ווארט“, מיטן חוזהס א „ווערטל“ — האט זייער תורה באקומען

דאס פארטיפטע בלב׳דיקע — דאס פנימיותדיקע האט אויפגעלייכטן.

וויאזוי טייטשט איין א רבי א פסוק? ס׳גאנצע הארץ לייגט ער דערין אריין — פון זייערס א ווארטשפיל צעשמייכלט זיך ג־אט אליין.

ווי לערנט דער בערדיטשעווער דעם הארבן פסוק „עם כבד עוון“? חלילה, א פאלק שווער מיט זינד; חלילה וחס.

„עם“ א פאלק, „כבד עוון“, וואס איז אים שווער צו זינדיקן.

און דער „תפארת שלמה“ טייטשט „ויצא משה לפני אחיו“ — משה איז אויסגעגאנגען פאר זיינע ברידער! וואסער הארציקער, וואס שפילעריש קינציקער ווארט־שפיל. מ׳זעט דעם ציטער פון דער הארץ־קווינטע.

אדער אזא תורה־ווערטל: „כל ימי־חייך להביא לימות המשיח“—דיין גאנץ לעבן זאל זיין צו ברענגען משיחן! ס׳איז דער קווינט־עסענץ פונם ייד.

דא גלייכט מען נישט אויס א פסוק מיט א קל וחומר, דא פאסט מען אים נישט צו צו דער צייט מיט א גזירה־שווה — דא איז ס׳הארץ פול מיט די י״ג מדות של רחמים.

3

נאך אזעלכע תורה־שבלב טייטשן, רבי ר׳ אלימלך׳ס צעטל־קטן און ר׳ נחמנקענעס מעשיות; נאך אזא הארציקער געמיטלעכקייט פון קינסלערישן ווארט־שפיל; נאך טויזנט יאר ווייטיק־וויציקן פאלקלאר, חכמהדיקן גאלגן־הומאר און ליבלעכן פאלקסליד, — א מרדכי ראקאווער, א מאטקע כאבאד, הערשעלע אסטערפאלער — איז א וואונדער אונזער וואונדערלעכע פראזע און פאעזיע?

ס׳איז דאס געזעצלעך־געטרייע קינד פון אונזער מאמע־יידיש.

זיינען נישט אונזערע קלאסיקער דאס פראטא־בילד פון אונזערע פינסטערע היימען אויפגעלויכטן אינם שיין פון אונזערע געבענטשטע שבת־קודש ליכט? פון די שיינענדיקע דריי שטערן: „ג־אט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב“.

יעדער איינער פון אונזערע קלאסיקער איז דאס פאטריארך־פארטרעט פון זיין היימיש שטעטל.

שטייט נישט מענדעלע איבער אונזערע קעפ ווי א ליטווישער בייזער מלמד מיט זיין קאנטשיק? און ווי טאטע־טביהדיק פאכעט פייפנדיק איבער אונז שלום־עליכם מיט זיין פסוקים־צעקניפטער בייטש.

און ווער איז פרץ, אויב נישט אונזער שטעטל של־מעלה, וואס טרייבט די מרכבה אויפן הימלישן יאריד, אן איינגעשפאנטע אין הייליקע אדלערס און לייבן, מיט באנטשיען אויפן „קאזשיאל“.

און מענדעלע, מיט זיין וועגעלע און מיט זיין קלאטשיע, איז שוין דארט און שלום־עליכמס ראבטשיק פארהילכט דעם מארק.

„שער און אייזן“ און „העמערל, העמערל, קלאפ“ — דער האראפאשניק אונזערער, ווי האט ער זיך אויסגעגלייכט די ביינער האפערדיק און שטאלץ. דעמלט האט זיך גענומען ציען א גאלדענע קייט איבער אלע שבעה ימים



און די „אין פאליש אויף דער קייט“ — אזש קיין סיביר! און איז נישט פון דארט לייוויק צוריקגעקומען, דער יונגסטער פון די „יונגע“, און פון שוסטער־בענקעלע שטייען אויף אזעלכע פראזאאיקער־הארפאשניקעס אין דער מאדערנער וועלט־ליטעראַרישער נישט קיין סך אזעלכע צו געפינען — א וויסענבערג און א ראזענפעלד.

און זע „די פוילישע וועלדער“ גייען אויף אין אמעריקע און די „סאכע“ צעאקערט מיט „מזל־ברכה“ די הייליקע ארץ־ישראל ערד. און וואו נישט? אין יעדן לענדל זיינען פארזייט אונזערע שרייבער און פאעטן — ווי די קלעטער־רויזן אויף ווענט וואקסן זיי אויס און ווי די אייז־בלומען אויף די שויבן.

און פון דער באבע יאכנעס א שאקל פון איר טישטוך, פון די ברייזעלעך בלויז וואס פאלן אראפ, קאטשען זיך נאך איצט פאר געלעכטער גאלעריעס מיט יידן.

און וועט אונזער אסימילאציע אצינד, די בורזשואזע ווי די פראלעטארישע, זיך שטארקן צו פארטיליקן אונזער לשון, וועלן ווידער זעקס מיליאן יידן, חלילה, פארשווינדן; נישט ווי קדושים — אויף זיי, די של־מעלהדיקע, זאגט זיך שוין אין שיר־השירים: „מי זאת עולה מן המדבר כתימרות עשן“— זיי איצט, די אסימילירטע, וועלן זיך פארקריכן ווי די מייז, ווי די וואנצן.

יא, מיר וועלן האבן ארץ־ישראל, ווייל די פליטים פון אונזערע שטעטלעך זיינען יענע „אחד מן העיר ושנים מן המשפחה“, וועגן וועלכע אונזערע נביאים האבן אזוי געוואלטיק נביאות געזאגט. קאנען אזעלכע רייד בטל ווערן?

און האבן מיר נישט אונזער גאנצן גלויבן, אונזער גאנץ דאברע מזל, אריינגעלייגט אין זייערע רייד? נאציאנאל־פאליטיק, מיינט נישט א האזארד־שפיל צו פארלירן 6 מיליאן אין דער דיאספארע, כדי צו געווינען 2 מיליאן פאר דער מדינה — „לא ידח ממנו נדח“!

האט דאס יעזואיטישע קריסטנטום געקאנט אונז צעשטערן אין די הונדערטער יארן? פונקט אזוי איצט דער ליניע־פארשפיצטער פאליטישער מארקסיזם! זיי זיינען דאך ביידע נאר רעפארם־קינדער און אסימילאציע־אייניקלעך פון אונזערע אור־יידישע שבכתב און שבעל־פה „אנוכי“־געזעצן.

ס׳איז נאך א גרויסער ספק צי די „דרייאייניקייט“ פון טעזע, אנטיטעזע און סינטעזע וועט קאנען צופירן צו אחדות־האנושי און טיף צו דערפילן דאס קאסמיש־מיסטישע פון אחדות־הבריה. דאס נאר דרך־אגב.

ווען דער סאוויעטישער פאעט, דער קדוש איציק פעפער, איז מיט דרייסיק יאר צוריק דא געווען אין לאנדאן, האב איך אים אין א שמועס געפרעגט: „ווי שטייט סאוויעט־רוסלאנד צו ארץ־ישראל?“ האט ער מיר געענטפערט: „די סאוויעטן וועלן באשליסן בנוגע ארץ־ישראל, דאס, וואס דאס יידישע פאלק וועט וועלן און באשליסן“.

מיט פינף יאר שפעטער האבן סאוויעט־רוסלאנד מיט די קריסטלעכע פעלקער באשלאסן — כדי מפייס צו זיין דאס יידישע פאלק! — זיי צו געבן

דאס לאנד ישראל ווי א סאַוועראַנע מלוכה.

עס ווילט זיך נישט גלויבן, אז דאס איז נאר געווען אזא יעזואיטיש־פאליטישער טריק פון זייער זייט.

## 4

ווען שלום אש איז דא אהערגעקומען פון ישראל האט ער איך א שמועס מכוח יידיש צו מיר געזאגט: „איך בין מיין גאנץ לעבן געווען קעגן אסימילאציע, אבער נישט קעגן דער העבראישער אסימילאציע".

ער האט דאס קינד אנגערופן ביים ריכטיקן נאמען.

אבער אויך איצט מיטן העבראישן ישראל איז נאך די גויאישע אסימילאציע געפאר א ברענענדיקע, נישט נאר פאר די יאהודים אין די תפוצות, נאר צומאל פאר די ישראלים אין אונזער מדינה.

יורדים, גייסטיקע ירידה, די פארשפרייטע ענגלישע שפראך, דאס לעוואנטיניש־אמעריקאנישע, דאס כנעניש־אראבישע, דאס ספרדיש־פאנטעריש — עס קאן זיך נאך, חלילה, פון דער גאנצער חתונה אויסלאזן א „היפי"־„העפי־ענד".

דאס ספר־הספרים אונזערס, דער תנ"ך, וועט באלד בלייבן א בייבל־באל פאר תורה־שבכתב ספארט.

ווען מ'הערט דא די אכט הונדערט העבראישע ווערטער פון די אול־פנים־רעדנערס „גרילצט" עס באמת אין די אויערן.

וויפל „תלמידי־חכמים" האבן מיר אצינד? ווען גוט, פינף פראצענט! די אנדערע פינף און זעכציק זאגן נאך קדיש פון לאטיינישע אותיות און פאר־שטייען דעם „עקזאקט" פון דער כתובה — דאס איז זייער אראמעאישער שבעל־פה.

וואו זיינען די איבריקע דרייסיק פראצענט? זיי זיינען שוין אינגאנצן נישטא — צעקראכן, פארשוואונדן! גיי, זוך דעם ווינט.

די ריכטיק פרומע יידן, די אמתע תלמידי־חכמים און חסידי אנשי־מעשה, וויסן עס שוין, נישט נאר פון אצינד, נאר שוין פון דער שמד־מגיפה בשעת דער השכלה: איווריט אי גערמאניש און שפעטער אי רוסיש — דער אי אנגליט איז שוין א לעצטער „אוי"!

זיצן דעם סאנדזער רבינס אייניקלעך ביי דער יארצייט־סעודה פון זייער זיידן דעם „גוטן ייד" און כטוב לבם ביים שוימיקן גלעזל מעד, רופט זיך איינער אן: „מילא, אונזערע קינדער וועלן זיך נישט שמדן, וועט עס זיין אינם זכות פון אונזער הייליקן טאטן, אבער וואס איז דער זכות פון אונזער צווייטן זיידן, דעם גאון פון דייטשמערישן שטעטל? מיר זיינען דאך אויך זיינע אייניקלעך, און וויפל גאונישע אייניקלעך בלייבן נאך איצט יידן?

„רופט זיך אן איינער פון די זין פונם סאנדזער, 'הערט זיך גוט צו, וועל איך אייך דערציילן א שיינע מעשה.

„ 'ווען דער זיידע אונזערער, דער גאון, איז געקומען פון א קליין שטעטל אין פוילן אויפגענומען צו ווערן פאר א מרא דאתרא אין דער דייטשישער קהלה, זיינען די „פני", דער פארשטאנד בלע"ז, געקומען צו אים אויף אן



ערן־באזוך נאך הבדלה.

„דרייט זיך דער זיידע אויס צו זיין שמש: 'ר' משה, געב מער דאך דעם לולקע ציבעק'. שטעלט זיך אויף דער 'פרעזידענט' און זאגט צום זיידן, 'הערר גראס־ראבינער, ביי אונז הייסט דאס ניכט איין לולקע ציבעק, ביי אונז רופט מען דאס איין ראר־פייפע'.

„האט זיך דער זיידע, א צעקאכטער, א שטעל־אויף געגעבן, 'רבותי, ביי מיר האט עס געהייסן א לילקע ציבעק און ס'וועט הייסן א לילקע ציבעק. און אויב עס געפעלט אייך נישט, קאן איך נאך היינט ביינאכט צוריק אהיימ־פארן'."

„אין דעם זכות וועלן אויך זיינע אייניקלעך בלייבן יידן עד סוף כל־הדורות".

ביי דער איצטיקער עברית־פאליטיק ישראל־שלוחים און גלות־אפישלס, איז די געפאר נישט קיין סך קלענער. אבער —

וועלן מיר, חלילה, אונזער מאמע־לשון אוועקווארפן, וועט איבערבלייבן א תורה־שבלב — א מאדערנע יידישע ליטעראטור, אן אייראפעאיש־וועלטלעכע, וואס קולטור־מענטשן וועלן זי מיט דאנק אויפהויבן.

גאלד און זילבער, פערל און דיאמאנטן, וואס שוטים פארלירן, הייבן חכמים אויף.

דאס זעלבע איז שיער געשען פאר אכצן הונדערט יאר מיטן העב־ראישן תנ"ך, און דאס זעלבע וועט געשען מיט דער יידישער ליטעראטור. און נאך עפעס, מיר האלטן נאך נישט ביי דער חתימה פון יידישן שאפן.

יא, פארזעסענע לויפן ארום מיט זייער „צושטייער" ווי די פארזעסענע מיידן מיט זייערע אויסשטייערס. אבער באמת שעפערישע גייען אן מיט זייער „שער און אייזן" נישט, חלילה, אויסצופארטיקן תכריכים פאר דער שכינה הקדושה, נאר אויפצוגייען און צוצופרעסן די חתונה־בגדים פאר דער כנסת־ישראל, אויסצושפינען דעם גלות־לאנגן גאולה־שלייער.

* * *

און צום סוף אן עיקר צום געדענקען;

א מאמע־הארץ זארגט זיך נישט נאר פאר די קינדער, וואס זיצן ארום איר טיש, נאר אויך פאר די אנטלאפענע.

שטעלט זי דאך אויך אפ א פלאש מאלינע־סאק מ'זאל אים נישט „ברויכן".

גאלדעס הארץ איז נישט טביהס א פארדרייטער פסוק — ס'איז אן אויסגעווייקט תחינה־בלעטל פונם קרבן־מנחה סידור.

די אנטלויפערס אצינד פון אונז וועלן קיין פעפערקארנס נישט זיין! זיי וועלן וויסן פון וואו זיי קומען, פון טייערע און געטרייע יידישע היימען;

„פענעקס" אייניקלעך וועלן וויסן, אז דער קדוש, דוד בערגעלסאן, האט נישט ווייניקער בלוט אוועקגעגעבן אויפצובויען דעם סאציאליזם ווי מאקסים גארקי.

די אנטרונענע און די כל־המינים סינאגאגעס צו דער קריסטלעכער

ציוויליזאציע וועלן נישט קאנען האסן זייערע זיידעס, ווייל זיי וועלן מיט־נעמען אשס רבישן „נאצארענער".

א מאמע האט א ברייט הארץ, זי זארגט זיך נאך אפילו פאר אירע אנטלאפענע קינדער.

צומאל סאברעס, אז זיי זאלן בלייבן געטרייע קינדער צו זייער מדינה און צו זייער פאלק, זיי זאלן נישט יורד זיין און נישט מורד זיין, וועלן מוזן זוכן זייער ליבשאפט צו דעראַרץ־ישראל ערד אין די יידישע לידער, וואס פאעטן שרייבן אצינד אין דער יידישער מדינה און בכל תפוצות ישראל.

מיטן לעבעדיקן יידיש־לשון און מיט א ירושלים השלימה איז געזיכערט די גאנצקייט פון יידישן פאלק.

יידיש ווי א צווייטע שפראך אין ישראל וועט אויך זיין א הראות השכינה פאר די העברעאישע שאפער אין אונזער אויפגעגאנגענער מדינה.

און נאך עפעס:

אין טאג פון גרויס יום־הדין, ווען די פעלקער פון דער וועלט וועלן געשטעלט ווערן צום משפט: „איר גויים וואס האט איר געמאכט פון מיין פאלק ישראל"? וועט דער סנגור זיך אויפשטעלן דעמלט און זאגן:

„א פאלק וואס האט געקענט שאפן אזא פאלקסטימלעך מאמע לשון מיט א ליטעראטור מיט א שלום־עליכם־הומאר אין דער שפיץ, מיט א פרץ־טיפקייט בראש, האט געמוזט האבן שעפערישע שמחה־שעהן."

און דעמלט וועט די שכינה, כביכול אויפשטיין פון כסא־דין און זיך זעצן אויפן כסא של רחמים.

און דאס איז דער טייטש „קול ברמה נשמע" — א יידיש מאמע־הארץ קאן זיך אויך צעוויינען פון גרויס שמחה . . .

## מאמע לשון

נאך איידער א קינד ברענגט דאס ווארט פון מויל ארויס,
וואס עס וויל, וואס אים טוט וויי, מאמע שוין פארשטאנען — —
וואס אלץ אויסגעשטאנען! פון טראפ פון א פסוק,
פון תהלים־טרערן — א יידיש לשון ענטשטאנען.

נאך איידער ס׳האט ווארט ארויסגעשלאכצט פון געוויין,
כביכול ג אט אליין שוין געטון עס דערהערן:
„האב איך האך דיך, קינד, אין לאנגען גלות געיאגט"!
און זון און לבנה ווערן צוויי גרויסע טרערן —

ווי ליכטיקע שטערן זיי פינקלען, זיי לייכטן,
גאנצער גרויליקער גרוי טוט גין־גאלדן אויפשיינען — —
ווען א ייד נעמט „א יידיש ווארט אין מויל אריין",
ווערן די בלעטלעך פון תהלים פיטש־נאס פון וויינען.



## „אך הפעם"
(לעפטוויטשן לשנות גבורות)

ווען נישט די איבערזעצונג פונם תנ"ך,
ווער ווייסט, צי בכלל גאר ער נאך געבליבן — —
א פאלק מיטן שורש ארויסגעריסן,
ווו אן עק וועלט נאר געיאגט און געטריבן.

אבער ווו אנגעקומען בלויז באוויזן;
מיר זיינען עס, וואס דעם תנ"ך געשריבן . . .

און צוזאם אויף אייביק מיר איבערגעבליבן.

א וואונדער, אז די ערד אויפגעציטערט האט,
פיר הונדערט מיילן אויף פיר הונדערט מיילן,
אינם טאג וואס איבערגעזעצט געווארן —
ג אטס ווארט ווי מוז מען עס שלייפן און פיילן!

איין אות אנדערש נאר, איין נקודה בלויז,
און ס׳ברעכן זיך איין פון די וועלט די זיילן.

זיי פעסט צו האלטן ווי מוז פויסט זיך ביילן.

## דערלעבן
(דר. אהרן שטיינבערגן צו זיינע שמונים)

די גאנצע וועלט מען קאן דערלעבן,
איבער שטוב שפאנענדיק אהין אהער,
צומאל טויט איבערלעבן אזוי — —
בלויז דעמלט איז ער נישט פאראנען מער.

עס קאן א ווארט לעבעדיק ווערן,
יא, ס׳קאן דאך אפילו באשאף גאר זיין!
אבער ערשט טיף הערלעבטע שטילקייט,
אין די ד׳ אמות מיט זיך אליין.

דעם שם באהאלטן אונטער דער צונג,
און דער גולם־וועלט ווי וואונדערלעך שיין;
אריינגעקוקט אין זיך געלייטערט,
צום העכסטן שטאפל ערשט מען קאן דערגיין.

אויב ס׳העכסטע מיט שכל צו דערגיין,
ס׳טיפסטע אבער: מיר פארשטייען גארנישט;
גרעסטער גלות פארטריבן פון זיך,
גיפטיקסטע שלאנג — אייגן הארץ זיך צעצישט!

דערלעבט מען אבער ביאת־משיח,
איז גאנצע גארע ערד ארץ־ישראל!
דאך ווילט זיך פראסט־פשוט דערלעבן:
ר׳זאל שוין אויף אן אמת קומען אמאל.

## צו מיין 75 יאר

(גאלדשמידן)

אז כ׳וועל מיך באזעצן אצינד אין ארץ־ישראל,
איז ווילאנג מישטיינסגעזאגט קאן איך נאך לעבן;
דערנאך א מת־טהור אין הייליקער ערד ליגן,
א פוילער פגר, א ריר מיך נישט צו געבן.

וועל איך מיר אבער אין די תפוצות ווו א שטארב טון,
אין דער גלות־אדמה באגראבן ווערן — —
א טויט־לאנג מיך קוילערן קיין ישראל צו קומען,
מיין גלגול־מחילות ס׳וועט גאר נישט אויפהערן.

דורך וואסערע לענדער כ׳וועל אלץ נישט אדורכרייזן,
דורך וועלכע לאנדשאפטן וואנדערלעך צו שטוינען;
די באקאנטשאפטן אויף דעם וויט שיינעם וואנדער־מארש,
מיט וואסער מאדנע פארשוינטעס און פארשוינען.

אביסל לאנגווייליק אייביק צו ליגן אין ד׳ערד!
שמוציק די ווייסע סיבות, ס׳תכריכים־ליילעך,
מען ווערט ווערעמדיק, מען ווערט מילביק — אזוי אבער,
פריילעך הלוך־ילך איבער גאנץ ערד־קיילעך.

די פרייד ערשט אין גרויסן טאג פון תחית־המתים!
אנקומען אויפן הר־הזתים מיר וועלן,
פארבלאטיקטע, פארשטויבטע, פון לאנגען וועג טויט־מיד,
אויף די איינגעשלאפענע פיס זיך אויפשטעלן —

ס׳וועט אבער דעמלט זיין אן אונטערשיד פון א ייד,
וואס טוט במחילה פון דער ערד ארויסקריכן,
און אזא, אין א שינעל, באוואפנט, פלינק און שנעל,
געגאנגען לעבעדיק אקייגן משיחן —

צי איז נישט שווערד און שפיז געשמידט אין שערפ און קאסע,
פון קאנאנען סאכעס אקערס אויפצוגראבן?
אז דער אחרית גייט שוין מקוים ווערן,
איז צו וואס שינעלן געווערן נאך האבן?



— יא, ווען ס׳איז אן אונטערשיד צווישן א ייד און ייד,
איז אויך צווישן א פאלק און א פאלק א חילוק!
און ווער ברויך נאך שווערד און שפיז איצט, צומאל קאנאן,
מיט אטאם א סך גרעסער דאך דער פארטילעק.

## „יזכור" — צו געדענקן!

פאסטוכער זיינען געווען אונזערע אבות!
נישט לאנקעס, וויט, ברייט, ווילדע אקסן, וויזל־טירן —
צווישן גראז־מאגערע בערג גלוטיק צעגליטע,
מיט מידע סטאדעס שאף זיך געטון ארומפירן.

טיף־טונקל ס׳ווערט הימל, אנצאליק די שטערן,
ב׳שלאף־לאזע מולד־נעכט מילד־פארחלומט זיי ליגן;
אין די ווארעמע שויסן שוואכע שעפעלעך,
ווי קינדער לוליענדיק, מיט געזאנגען זיי וויגן.

נישט אויף יאגד געגאנגען, נישט קיין נעצן געשטעלט,
צו פאנגען — קיין פייגלבויגן מיט קני געטרעטן!
מיט יעדן זון־אויפגאנג אויף די קני געפאלן,
פארן שלום פון דער וועלט א תפילה געבעטן.

שטילע פאסטוכער אונזערע אבות געווען,
דער טראט באדאכט, פארטראכט, גוט דער בליק פון די אויגן,
און ווען געבראכט זיי האבן א קרבן צו גאט,
זייער קינד צוערשט האלדז צום חלף אויסגעצויגן.

## דער „צאן קדשים - טאנץ"

— צי קאן דען געמאלט זיין גרעסער אהבת־השם,
ווי ברענגען א קרבן צו גאט אן אייגן קינד?
— די חוזים, די זעערס, די יידישע נביאים,
אונז געלערנט אזא ליבשאפט וואס מאכט נישט בלינד.

א מלאך געשוועבט אין דער שטוב יעדן אין דער פרי,
דער טאטע די פרשה פון דער „עקידה" געזאגט,
די מאמע דאס ציגעלע אין וויגעלע געוויגט —
גאטס שכינה־ניגון איבער דער וועלט אויפגעטאגט:

עס וועט קומען א ליבשאפט צווישן אלע פעלקער,
אן חילות, אן נצחון־ — דער בטחון־זיג!
די ערד נישט מער אונזער וואקלדיקע טויטן־שיף —
זי וועט זיין פאר אלע מענטשן די שלום־וויג.

ס׳ציגעלע וואס געהאנדלט ראזינקעס מיט מאנדלען,
אונטער בוים זיצן מיט דעם וואס האט אים געפלאנצט,
און מיט די קינדערלעך דבקותדיק פריילעך „מע מע״ —
דעם צאן קדשים־קאדריל יום־טובדיק מיטטאנצט.

יוסף בן שמעון וויינשטיין

## ראש השנה מחשבות

אין דער תורה ווערט נישט דערמאנט ראש חדש „תשרי״ ווי ראש השנה. אין חומש ויקרא, כ״ג־כ״ד, געפינען מיר: בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון: דער 1טער טאג פונעם 7טן מאנאט זאל זיין פאר אייך א טאג פון רוהען. אויך אין חומש במדבר, כ״ט־א׳, לייענען מיר: ובחדש השביעי באחד לחדש מקרא קדש יהיה לכם: און אין דעם 1טן טאג פונעם 7טן מאנאט זאל זיין ביי א הייליקע פארזאמלונג. פון דעסטוועגן, אין שמות כ״ג־ט״ז — זאגט דער פסוק: בצאת השנה באספך מעשיך מן השדה: ביים ארויסגאנג פונעם יאר, ווען דו וועסט איינזאמלען דעם פראדוקט פון דיין פעלד — און דער צווייטער פסוק אין שמות: ל״ד־כ״ב, זאגט: וחג האסיף תקופת השנה: און דער יום־טוב פון אויפזאמלען דיינע תבואות — סוכות ווערט גערופן חג האסיף) — ביים צוריקגאנג פונעם יאר. פון די צוויי פסוקים קענען מיר לערנען אז אין דער פעריאדע פון צונויפזאמלען דעם פראדוקט פון די פעלדער — וואס קומט פאר אין חודש תשרי, סוכות צייט — האט זיך א יאר פארענדיקט און א נייע יאר האט אין צווישן אנגעפאנגען — דאס איז „ראש השנה״!

ראש השנה ווערט געפייערט ראש חדש תשרי, וואס איז דער 7טער מאנאט פונעם יאר לויט תורת משה, בעת דער חודש ניסן ציילט דער ערשטער ווי מיר לייענען אין שמות, י״ב־ב׳: החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה: דער דאזיקער מאנאט — ניסן — איז דער 1טער פון די חדשים פונעם יאר.

די משנה, אין סדר „מועד״ — פון ראש השנה — גיט צו פארשטייען, אז אינעם יאר זיינען פאראן פיר ערליי ראשי שנה:

דער 1־טער איז ר״ח ניסן — אין וועלכן עס ווערט דעם 15טן פונעם מאנאט געפייערט דער יום־טוב פסח: אלס אנדייננקן פון דער היסטארישער וואונדער געשעעניש פון יציאת מצרים.

דער 2־טער איז ר״ח אלול — אין וועלכן עס פלעגן אויפגעזאמעלט ווערן די שטייערן, און דער אפצאל פון א צענטל אויף די בהמות.

דער 3־טער איז ר״ח תשרי — ראש השנה — אין וועלכן מאנאט פאנגט־אן דאס ציילן פון די יארן זייט בריאת העולם, אויך די צאל פון שמיטה יארן, און פון דעם יובל־יאר.



דער 4־טער איז ר״ח שבט: אין וועלכן עס ווערט דעם 15־טן פונעם מאנאט — ט״ו בשבט — געפייערט ראשה השנה לאילנות: דער ניי־יאר פון די ביימער.

דאס ווארט „תשרי״ איז ניט קיין העברעאישער — ער שטאמט פון בבל: א באבילאניש ווארט וואס דער טייטש איז: דער „אנפאנג״ — און איז גוט צוגעפאסט צו „ראש השנה״, דער אנפאנג פונעם יאר!...

חז״ל לערנען אונדז אז: בריאת העולם בראש השנה: אין ראש־השנה איז די וועלט באשאפן געווארן, און די אידן ציילען דעם יאר תשל״ג פון בריאת העולם — דאס הייסט מסתם דעם 5 טויזנט 7 הונדערט 33־טן יאר פון די קולטור־עפאכעס. זייט 5733 יאר צוריק, איז אונדז איבערגעבליבן עד היום הזה, באווייזן פון געשעענישן און איבערלעבונגען וועלכע זיינען געווען פארגעקומען פארצייטענס: די געשיכטע פון אדם וחוה, פון אונדזערע אבות אברהם, יצחק ויעקב — יוסף הצדיק — משה רבנו — יציאת מצרים — די עשרת הדברות — די תורה הקדושה — ישראל אלס א נאציאן אין זיין אייגן לאנד — אונדזערע מלכים און אונדזערע נביאים — די אבעליסקען מיט זייערע שריפטן, די היערגליפן, די פיראמידען דערציילן די געשיכטע פון די מצריים — די פאפירוסן און די גראפיטען, די שטיינערנע און פון ליים געמאכטע לוחות און טאוולען — די מאנוסקריפטן וואס געפינען זיך פון אלטערטום: זיי רעדן, לעבן, עקזיסטירן און דערציילן אלע פאסירונגען וואס זיינען פארגעקומען פון בראשית־אן: דאס געבורט פונעם אידנטום, פונעם קריסטענטום, פונעם מחמדיזם, פונעם בודהיזם, א.א.וו.

אדם הראשון איז געבוירן אין חודש תשרי, זעקס טעג פון ראש השנה — בריאת העולם. די מסורה גיט אונדז איבער אז אונדזערע אבות אברהם, יצחק ויעקב זיינען געבוירן אין ראש השנה — אדם וחוה זיינען אין ראש־השנה אריין אין גן־עדן, און א צייט שפעטער — זיינען זיי פון דארט — אין ראש־השנה — ארויסגעטריבן געווארן ... אין ראש־השנה איז יוסף הצדיק ארויס געגאנגען פון דער תפיסה — דאס איז געווען ראש חדש אלול, ווען משה רבינו איז ארויף ווידעראמאל אויפן הר סיני, און נאך פערציק טעג, דעם 10־טן פון חדש תשרי — יום כפור — האט ער אראפגענידערט פונעם בארג, און מיטגעבראכט די לוחות מיט די עשרת הדברות, פונקט אזוי ווי די ערשטע צוויי לוחות, וואס ער האט געהאט צעבראכן — דער חנוכת הבית פונעם ערשטן בית־המקדש — דער בית ראשון — דורך שלמה המלך, איז פארגעקומען אין ראש השנה — ווען די אידן זיינען, פון זייער געפאנגנשאפט אין בבל צוריקגעקומען קיין ירושלים, און מיט זיי איז אויך געווען עזרא הסופר, האט ער — אלס כהן — באנייעט אין ראש־השנה, צו ברייגגען קרבנות אין בית־שני — דער שר „גדליהו״ בן אחיקם, א פרינץ פון דער קעניגלעכער משפחה, וואס האט רעגירט אויף דעם לאנד יהודה, נאכן חורבן בית־ראשון — ארום יאר 580 פאר קריסטנטום — איז דערהרגט געווארן אין ראש־השנה, אבער דאן איז, פון די זקני ישראל, באשטימט געווארן, אז דער תענית אין

זיין אנדיינק — צום גדליה — זאל פארקומען נאך יום־טוב, דאס הייסט דעם 3־טן טאג אין חדש תשרי, אך ראש־השנה. דער בארימטער תנא רבי עקיבא בן יוסף, איז געשטארבן א מארטירער פון די רוימער אין יאר 135 נאך קריסטנטום — דעם 4־טן טאג אין תשרי, נאך ראש־השנה —

דער „זאדיאקישער" סימן פון חדש תשרי איז מזל „מאזנים": די וואגשאל — וואס שטעלט פאר די „גלייכהייט":ביידע שאלען פון דער וואג זיינען גלייך — דאן קומט פאר דער „עקווינאקס" פון אסיען צייט — פונעם הארבסט, דאס הייסט די פעריאדע בעת די נאכט און דער טאג האבן ביידע א „גלייכע" צאל מיט שעהן — דער סימן מאזנים — די וואגשאל איז אויך דער סימבאל פון „גערעכטיקייט", און קומט פאר אין חדש תשרי ווען מיר פייערן ראש־השנה, וואס אין אונדזערע ספרים — איז אנגערופן דער „יום הדין" — דער טאג פון משפט — ווי מיר לייענען אין מחזור פון ראש־השנה: ויאמרו הנה יום־הדין: דער טאג פון משפט איז געקומען — ווען אידן שטייען פאר דעם הימלשן געריכט און זיינען געמשפט מיט גערעכטיקייט!

דער יום טוב ראש־השנה איז אויך אנגערופן מיט 2 אנדערע נעמען: „יום הזכרון" און „יום תרועה". „יום הזכרון" — איז דער טאג פון „דערמאנונג", ווי מיר חזרן איבער אין אונדזערע תפילות פון ראש השנה: ביום הזכרון הזה: אין דעם איצטיקן טאג פון דערמאנונג. — ועל יום הזכרון הזה שנתת לנו: אין דעם איצטיקן טאג פון דערמאנונג וואס דו האסט אונדז געגעבן. און אין אונדזער געבעט צו ג־אט, פארלאנגען מיר: אבינו מלכנו זכרנו בזכרון טוב לפניך: אונדזער פאטער, אונדזער קעניג, דערמאן אונדז מיט א גוטן אנדיינק פאר דיר — זכרנו לחיים, מלך חוץ בחיים: דערמאן אונדז צום לעבן, דו, קעניג וועלכער באגערט דאס לעבן.

„יום תרועה" — ראש השנה איז אויך אנגערופן דער טאג פון שופר בלאזן, ווי מיר לייענען אין במדבר, כ"ט־א': ובחדש השביעי באחד לחדש מקרא קדש יהיה לכם, יום תרועה יהיה לכם: און אין 1־טן טאג פונעם 7־טן מאנאט — תשרי — זאל זיין ביי אייך א הייליקע פארזאמלונג, און ס'זאל זיין ביי אייך א טאג פון שופר בלאזן. און אין חומש ויקרא, כ"ג־כ"ד ווערט געזאגט: בחדש השביעי באחד לחדש יהיה לכם שבתון, זכרון תרועה מקרא קדש: אינעם 1־טן טאג פונעם 7־טן מאנאט זאל זיין פאר אייך א טאג פון רוהען און א הייליקע פארזאמלונג, מיט בלאזן שופר צום אנדיינקונג.

דער גרויסער תלמודיסט און פילאסאף רבינו סעדיה בן יוסף הגאון, געבוירן אין מצרים — דער לעצטער פון די גאונים — געלעבט ארום דעם 10־טן יארהונדערט — האט אין זיינע וואונדערבארע ווערק, געשאפן אין עברית און אין אראביש, אנגעגעבן צען טעמים בנוגע די מצוה פון בלאזן שופר אין ראש־השנה. די ערשטע סיבה — וואס מיר גיבן אן — איז: ראש השנה איז די הערשאפונג פונעם טאג ווען ג־אט האט באשאפן די וועלט און אויף איר רעגירט. — ווען א קעניג ווערט געקרוינט, איז א מנהג צו געבן וויסן די געשעעניש איבעראל דורך מודעות, שאלן און טראמפייטן, אויך מיר,



אידן, באשטעטיקן אונדזער איינציקן מלך — דער רבש"ע — דורך בלאזן אין שופר תקיעות, שברים און תרועות, אזוי ווי דוד המלך האט אין תהלים צח. ו. געזינגען: בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה': מיט טראמפייטן און מיט דעם קול פון שופר דריקט אויס אייער פרייד פאר דעם קעניג, דעם בורא עולם!

שופר בלאזן איז די איינציקע מצוה וואס די תורה האט אונדז באפוילן, מקיים צו זיין אין ראש השנה. מיר ווינטשן אלע אידן בכל מקום שהם שם, א שנה טובה ובריאה, ושלום על **ישראל**!

יאקוב דזשערגאווסקי

## שלום כאמעלע (טיפן פון מיין שטעטל זאקראטשים)

שלום קלאצמאן, שטאט האט אים גערופן, „שלום כאמעלע". דאס איז געווען צוליב זיין נידריק געוויקס, אויך איז שלום געווען א פראסטער ייד, א כאם, דאס מיינט אן־אונוויסנדער מענטש. שלום האט געצויגן זיין חיונה פון א בודקע, ווו ער האט פארקויפט גרינווארג. שלום האט געוווינט אויף די טילנא־גאס אין א הייזל מיט נאך דריי שכנים: עזריאל, איטשע לייב און דער טויבער שמחה. שלום האט זיך גוט פארהאלטן מיט זיינע שכנים, גרויס אנערקענונג און דאנקבארקייט האט שלום געהאט פאר זיין שכן עזריאל. עזריאל א מער פארמעגליכער האט שלום'ען פיל מאל ארויסגעהאלפן מיט א גמילת־חסד. שלום איז געווען שטומפיק אויף די עברי, פשוט נישט געקאנט דאווענען. עס איז ערב יום־כפור, פאר כל־נדרי. די שול איז שוין פול געפאקט מיט יידן, איינגעהילט אין טלתים, גרויסע בליך־לאמפן שיינען, א סך הויכע ליכט ברענען. יידן שאקלען זיך, ווער עס זיפצט, ווער עס כליפעט שטיל, עס איז דאך די צייט, וואס מען בעט צו דעם, וואס לעבט אייביק, פאר א גוט קוויטל. שלום שטייט אויך אין שול, ער האט אויך דאגות, די פרנסה שוואך, עס גייט צום ווינטער, מען ברויכט האלץ, קוילן, א ווארמען בגד, א פאר שטיוול, אוי, גאטעניו! ווו נעמט מען דאס אלץ, מען ווערט עלטער, נישטא שוין קיין כוח, אונטערגעוואקסענע טעכטער, מען ברויכט א שידוך טאן, נישטא קיין נדן צו סילוקן. שלום שטייט און הארכט ווי יידן דאווענען, און זאגן עפעס — אור זרוע לצדיק, ולישרי לב שמחה — שלום פארשטייט נישט די ווערטער, ער קאן זיי אפילו נישט נאכזאגן, אבער די ווערטער זענען אים אזוי קענטלעך, היימיש, עס דאכט זיך אים, אז מען זאגט דא עפעס וועגן זיינע גוטע שכנים. שלום הילט זיך איין שטארקער אין זיין טלית און שאקלט זיך צו, הערמיט, פילט ער זיך שוין נענטער צום רבונו־של־עולם. ער הויבט אויף זיין האנט און די אויגן צו די סטעליע, דאס, וואס ער זעט ווי אנדערע יידן טאן, און מיט א ניגון וועלכן ער וויל נאכמאכן, שרייט ער אויס הויך אויף א קול. — אוי, איז עזריאל א צדיק, איטשע לייב און דער טויבער שמחה.

# מענדל ביילע׳ס

איניקע יאר פאר דער ערשטע וועלט־מלחמה איז קיין זאקראטשים געקומען א דורכוואנדער־בעטלער, א הויכער יונגערמאן מיט א קליין בלאנד בערדל. זיין נאמען איז געווען מענדל.

דער מענדל, הגם ארעם געקליידעט, ווי אלע אנדערע שלעפערס, האט אבער מיט זיין באנעמען זיך, מיט זיין ארט בעטן א נדבה, מיט זיין נישט שטופן זיך אין פראנט פון דעם שול־ארויסגאנג נאכן ענדיקן ס׳דאווענען, כדי צו קריגן א בעסערן באלבאס, וועלכער זאל אים נעמען פאר אן אורח און אויך מיט זיין מער איידל פנים, נישט געמאכט דעם איינדרוק אויסצוזען צו זיין א פראפעסיאנעלער בעטלער.

די שטאט האט זיך מיט מענדלען פאראינטערעסירט; צופיל אויסגעפינען פון אים האט מען נישט געקאנט, א ווייניק־רעדער געווען דער מענדל, וואס מען האט זיך יא געקאנט משער זיין פון זיינע קארגע רייד, איז, אז מענדל איז געווען א בן־יחיד ביי זיינע עלטערן, פיינע אבער ארעמע מענטשן. נישט דער טאטע און נישט די מאמע האבן געוואלט, אז זייער איינציק אפגעציטערט קינד, כאטש שוין א דערוואקסענער בחור, זאל גיין ארבעטן און פארדינען פאר זיך אויף חיונה.

מיר ווען, האבן מענדלס עלטערן גע׳טענה׳ט, מיט דעם אויבערשטנס הילף אונדזער קינד נישט לאזן הונגערן. א מלבוש, א פאר שיך וועט אים ירצה השם אויך זיין. נישט דערלעבן וועלן זיי, אונדזערע שונאים, אז אונדזער מענדעלע אונדזער איינציק אויג אין קאפ, זאל אוועקגעבן זיינע כוחות פאר פרעמדע מענטשן.

מענדלס עלטערן זיינען געשטארבן. ער מענדל, איז נישט געווען צוגעגרייט אליין זיך צו זוכן א וועג אין לעבן און אליין זיך מפרנס זיין, ער איז געווארן א וואנדער־בעטלער, זוכנדיק זיין ברויט, כדי צו שטילן דעם הונגער.

אזוי האט עס מענדלען דערפירט קיין זאקראטשים.

אין זאקראטשים האט געוווינט זייער א חשובער, אבער א פאראראמטער באלבאס, רב משה קאן. רב משה קאן האט געהאט א טאכטער, נישט קיין איבריק געראטן מיידל, איר נאמען איז געווען ביילע, אזוי ווי דער ארעמער טאטע האט נישט געקאנט סילוקן קיין נדן, האט פאר ביילען זיך נישט געמאכט קיין שידוך. וואס הייסט? מען וועט א יידישע באלעבאטישע טאכטער לאזן פארזיצן ביזן גרויען צאפ אריין, אז גאט אליין האט דא צוגעשיקט א מענדל, ממש א זיווג מן השמים.

נישט מען האט געפרעגט ביילען און נישט מענדלען צי זיי געפעלן זיך. אז שטאט האט געהאלטן, אז דאס איז א גליק פאר בײדן, איז דאך נישט שייך צו פרעגן.

א כלל, מענדל און ביילע זיינען געווארן מיט מזל חתן־כלה. אין קורצן האט מען געפראוועט א חתונה, „כיד המלך״. שטאט האט אויף אלעם געגעבן.



אהרן מאלאזש מיט זיין קאפעלע קלעזמארים האבן געשפילט וואלצן און פאלקעס. די פיינסטע מיידלעך און בחורים האבן געטאנצט אויף ביילע׳ס און מענדל׳ס חתונה ביז שפעט אין דער נאכט אריין. עס איז דאך א מצווה צו באשיינען ארעמע חתן־כלה. רייכע באלעבאטים האבן געגעבן שיינע דרשה־געשאנק מתנות — דער א פאר בעטן, דער א שאנק, דער א טיש מיט שטילן, דער געפעס, דער לעפל־גאפל־מעסער, און אנדערע האבן געשאנקן נאך פארשידענע זאכן פארן שטוב־געברויך.

שטאט האט אפילו געדונגען א דירה, עפעס דארט א קעלער־שטוב ביי רב ברוך הורוויץ אין הויז, באצאלט פאר א יאר פאריס דירה־געלט, דאס, וואס עס איז נישט געווען אזא וואזשנע דירה, וואס? ארומשלעפן זיך איבער דער מדינה שנארן איז בעסער?

מענדל און ביילע, קאן מען זאגן, זיינען געווען א גוט געפאסט פארפאלק, מענדל נאך א פיזיש־שטארקער מאן איז געווארן א וואסער־טרעגער, געקריגן א גרעסערע צאל גאספאדעס, טאקע אים געצאלט „א ביסל ווייניקער״, ווי מען צאלט אן אנדערן וואסער־טרעגער און דערצו האט מען נאך געהאט א מצווה אויך.

מענדל האט אהיימגעבראכט פרנסה, און ביילע האט געקאכט גרויסע טעפ פאר איר מענדלען, אין געוועלבל, וו ביילע פלעגט איינקויפן, האט זי פארלאנגט דאס בעסטע: מיין מענדל ארבעט שווער, מוז ער האבן כוח.

אין זאקראטשים, ווי אין יעדן שטעטל אין פוילן, האט כמעט יעדערער געהאט א צונאמען. מענדל איז דאך שוין אויך א זאקראטשימער תושב, איז סתם מענדל נישט גענוג. נאך א ישוב־הדעת איז באשלאסן געווארן, אזוי ווי מענדל איז ביילע׳ס מאן, זאל ער הייסן „מענדל ביילעס״.

אין יענע צייט איז אנגעגאנגען דער עלילת־הדם פראצעס אין קיעוו קעגן מענדל ביילים, ווען מען האט באשולדיקט אין דערמארדן א קריסטלעך יינגל, כדי צו נעמען זיין בלוט פאר מצות אויף פסח.

האט טאקע דער צונאמען פאר אונדזער מענדלען שטארק אויסגענומען און פון „מענדל״ איז געווארן „מענדל ביילעס״.

דערעק ריד

# תשעה־באב

ביתר<br>
און דער שטויב פאלט<br>
אין דער אויסגעברענטער שטערן,<br>
אויסגעלאשן נאך דעם ווי די שאטנס,<br>
אז זייער צייט איז פארביי,<br>
האט ווייטער<br>
זיך געלייגט אין פייער מיט שווערן טראט.

געקומען זענען לעגיאָנען,
געזיגט, געלאַכט,
אַפּגעצויגן.

אויסגעשטאַכענע וויִעס
אויף געביסענעם שטיין,
וואו דאָס אַקער־אײַזן האָט
פריִער אַמאָל געצייכנדלט,
שטינקען
פון זייערן אָטעם, אַ שטילער פּראָטעסט.

און וואָס קאָן מען זאָגן,
הכנעה און פרומע לײַט,
ביידע געבויגן הינטערווײַלעכס,
מיט זקנה.

— פון ענגליש איבערזעצט, **א. אלמוג**

אסתר ערליכמאַן

## פּעסימיסטישע געדאַנקען

הײַנט צו מײַן געבורנטאָג, האָב איך באַקומען באַגריסונגען. פון פאַמיליע, און פון פרײַנד. האָט דאָס בײַ מיר אַרויסגערופן פאַרשידענע געדאַנקען, און אַ פראַגע, וואָס איז אַזוי די שמחה, און איך מאַך אַ חשבון, פון די אַלע מײַנע יאָרן. די פאַרגאַנגענע, און די געגנוואַרט, און איך שטעל זיך פאָר אַז אויב אַ מענטש וואָלט געקענט באַשטימען זײַן קומען אויף דער וועלט, צי וואָלטן זיך ניט אַ סאַך מענטשן אָפּגעזאָגט פון דעם, דאָס געבוירן ווערן, דאָס לעבן, איז דאָך אייגנטליך אַ נאַרישער שפּיל, און עס קומט דאָך דער אומפאַרמײַדליכער אַוועקגיין, פריִער, אָדער אַביסל שפּעטער. האָפענונגען, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען, איך האָב געהאַט אַ אידעאַל. איך האָב עס פאַרלוירן, אַ שטרעבונג, צו עפּעס, מענטשליכעס, און ניט דערגרייכט! געהאַט חלומות, און וואָס איז פאַרבליבן, געהאַט אַ גרויסע וואונדערליכע פאַמיליע, און געבליבן איינע, און קומענדיק אין דער עלטער, ווען די זון הויבט אָן אונטערגיין, דערפילט מען, אַז מ'האָט זיך גאָר אינגאַנצן אָפּגענאַרט, אין דעם גלויבן, אין דעם מין מענטש! ווײַל אָט די מענטשהייט אין וועלכער איך האָט געגלויבט, קעמפט ווײַטער, און דערגייט ניט צום זוניקן פרימאָרגן. עס מאַכט דעם אײַנדרוק אַז די מענטשן האָבן פאַרבלאָנדשעט, און האָבן פאַרלאָרן דעם וועג, און הײַנט געפינען זיך אָט די קעמפער, די זוכער פון אמת, פון גערעכטיקייט, פון פרײַהייט, פון מענטשלעכער, פאַרברידערונג. געפינען זיי זיך אין אַ דזשונגל, פון צווייפיסיקע חיות, פון פעלקער האַס, ברידער קעמפן, איינער קעגן דער אַנדערער, יונגע קינדער גיט מען געווער אין האַנט, און מ'שיקט זיי טויטן, ניט ווייסנדיק



פאַרוואָס, ווערן זיי יונגערהייט אַנטמענטשט. פרעג איך זיך הײַנט וואָס איז די שמחה פון געבוירן ווערן, און אַלט ווערן, וואָס איז די פרייד . . .

עס זײַנען אָבער דאָ אויך פריידיקע מאָמענטן וואָס לאָזן ניט פאַרצווייפלען, עס איז פאַראַן גוטע, מוזיק, וואָס מאַכט פאַרגעסן, און נעמט אַוועק די פּעסימיסטישע געדאַנקען. עס זײַנען דאָ אין מײַן גאָרטן שיינע בלומען, וואָס איך באַוואונדער און האָב זיי שטאַרק ליב. בײַ די ווערטער, דאַנק איך מײַנע גוטע, פרײַנד, פאַר זייערע באַגריסונגען צו מײַן 77 געבוירנטאָג, און איך ווינטש אַלעמען פריידיקע יאָרן. און צו דערלעבן, דאָס וואָס זיי ווינטשן, און דאָס וואָס איז זייער אידעאַל, און אונזער אַלעמענס שלום, אויף דער גאַנצער וועלט!

ע ל א  ז י ל ב ע ר ג

## ד ר י י  ש ט ע ר ן

הערצל, ביאַלעק, אַש, געווידמעט צו זייער יאָרצײַטן.

דרײַ שטערן אין הימל פערלאָשן,
דרײַ פלאַמען פערגאַנגען אין אַש,
די וועלט איז פיל טונקלער געוואָרן,
און פוסטער די אידישע גאַס.

דרײַ מעכטיגע גרויסע געשטאַלטן,
דרײַ גאונים צו קיינעם ניט גלײַך,
געלאָזן דער וועלט אַ ירושה
פאַרטיילט צווישן אָרים און רײַך.

פון הרצל דעם גייסט פון ישראל,
די בענקשאַפט צו בויען אַ היים,
באַפרײַען דאָס פאָלק פון דעם גלות,
דעם מדבר פון זאַמדן און שטיין.

ער האָט אונז דאָס ליכט אָנגעצונדן,
מיט זײַן טיפן נביאישן בליק,
זײַן חלום מקוים געוואָרן,
ישראל געהערט אונז צוריק.

ביאַליק דער פּאָעט, דער דיכטער,
באַוויזן האָט אונז אין זײַן ליד,
די גרויסקייט פון אידישן גלויבן,
דעם שטאָלץ פון אַן ערליכן איד.

ער האָט פון זײַן באַנקשאַפט געליטן,
געבענקט נאָך אַן אייגענער היים,

וואו זיין פאלק קען לעבן אן פחד,
פון פאגראמען בלבולים געהיים.

און אש, אט דער שרייבער דער גרויסער,
פארבלאנדזשעט אין תהום פון זיין גייסט,
אין גאט פון נקמה, זיין שטעטל,
מיר וועלן געפינען א טרייסט.

דריי מעכטיגע פלאמיקע זיילן,
ווי בערג אין דער מדבר צושטעלט,
דריי הערליכע אידישע גייסטער,
באלייכטן וועלן איבער די וועלט.

ח. נ. בענקוויטש

## מר. קארט

— און נאך איניקע טיפן אין אמאליקן לאנדאן —

איך בין שוין דא אין לאנד עטלעכע חדשים, האב שוין גוטע פריינט אין מיינע יארן און עפעס עלטער. אליין בין איך באלד זיבעצן יאר אלט. מיינע פריינט געפינען זיך דא הי שוין עטלעכע יאר און רעדן שוין ענגליש.

צו מיר זענען מיינע פריינט זער געטריי. צוליב מיר שפאצירן זיי שבת מיט מיר צו דער וועסט־ענד, ווייל איך וויל נישט פארן. דאך זענען זיי נישט גענוג גוט פאר מיר, באמת זיי האבן גארנישט געלערנט און גארנישט געלייענט.

א געוויסן אוונט קומט צו מיר אריין א בחור אין מיינע יארן און שטעלט זיך פאר, יעקב חורגין. ער האט געהערט וועגן מיר. אליין איז ער א ציוני און פרעגט מיך צי איך וואלט וועלן מיך טרעפן מיט נאך חברים. איך האב מיך באמת דערפריידט, האבנדיק געווארט נאר אויף אזא געלעגנהייט.

יעקב חורגין נעמט מיך אהין וואו זיי טרעפן זיך, אין ווהייטשעפל אנטקעגנאיבער דער ביבליאטעק. דארט געפינט זיך א געסעלע, וואס שניידט דורך ביז טשוירטש־ליין. אין אט דעם געסעלע האט זיך געפונען א שול, וואו די ציונים פלעגן זיך טרעפן. פאר עטלעכע שילינג א וואך האט מען זיי דערלויבט דארט אפצוהאלטן אסיפות.

מיר זענען אהין אריין און גלייך זענען צו אונז צוגעקומען עטלעכע בחורים. דער ערשטער, וואס האט זיך מיר פארגעשטעלט איז געווען עמי עז, א בחור א ברען, א שיינער, א ליבער, א פריינטלעכער מענטש. דאס איז דער שפעטער באוואוסט געווארענער עמי עז הער חזן פון דער וועסט־ענד גרויסער שול, וועלכע געפינט זיך איצט אין דיען־סטריט.

באלד איז צו מיר צוגעקומען נאך א מאן און זיך פארגעשטעלט,

— מיין נאמען איז קארט, איך קום איצט פון ארץ־ישראל אויף א קורצער צייט און כ׳פאר צוריק. דערוויל וויל איך עפעס אויפטון פארן ציוניזם.



גלייך זאגט ער מיר, אז ער איז א פריידענקער. די אנדערע בחורים זאגן מיר גלייך ער איז א תלמיד־חכם. ער לאזט מיך נישט אפ און זאגט מיר זיינע פלענער.

איך פיל מיך אביסל צעטומלט און קען נישט באגרייפן אלץ, וואס ער רעדט צו מיר. אבער איך מוז אימאויסהערן. עטלעכע פלענער האט ער, ערשטנס, אז מיר זאלן זיך לערנען מוזיק און איינקויפן אינסטרומענטן. אלע ימים־טובים זאלן מיר ארויס איבער די גאסן שפילן און זינגען יידישע לידער; אפילו שבת. עס האט ביי מיר אפגענומען דעם חשק.

די אנדערע חברים אבער האבן שוין געוואוסט פון אט דעם פלאן, און פרובירן אים אפהאלטן פון רעדן. ער לאזט זיך נישט און רעדט ווייטער גרינדן א ציון פעראיין, דאס יא.

אט דער ייד איז גארנישט געווען קיין הדרת־פנים. אויגן האט ער געהאט צעדרייטע, מיט א הויט אויפן פנים ווי פארמעט. אבער אן איבערגעגעבענער ציוני איז ער יא געווען.

עס זענען צוגעקומען נאך איניקע חברים ווי חיים סטאלבא, א ברודער פונם באוואוסטן ציוניסט זאלקינד סטאלבא. פרייליכאוו, וואס איז אוועק שפעטער קיין קאנאדא און דארט געווארן רעדאקטאר פון „קענעדער אדלער“. אויך צוויי מיידלעך, רבקה אייזנבערג און מרים וויינשטיין. רבקה האט חתונה געהאט מיט עמי עז, מרים — מיט זאלקינד סטאלבא. צוויי ברידער זענען דארט געווען, סיימאן און ווילהעלם פויזנאק. דער ווילהעלם פלעגט זיך אונטערשרייבן „ווילהעלמ דער דריטער“ — א שרייבער אן פרנסה. ער איז געווען אונזער סעקרעטאר. ער האט עס איבערזעצט גאנץ די „התקווה“ אויף יידיש און אויף ענגליש.

מיר האבן געגרינדעט דעם „הערצל־נארדוי קולטור־פאריין“. באלד האבן מיר זיך אריבערגעצויגן אויף א נייער דירה אין ווהייטשעפל אויף א צווייטן שטאק, און איידער מען האט געקענט צוקומען צו אונזער דירה האט מען געמוזט אדורכגיין דורכן פארטער. דארט איז געווען א פאטאגראפישער אנשטאלט, וועמעס אייגנטימער איז געווען מר. סאס. אויפן ערשטן שטאק האט געוואוינט א דענטיסט, א בארבער און אויך איז דארט געווען דער אריינגאנג צו א שוויץ־באד, מיט א צווייטן אריינגאנג אין אלד־מאנטאגיו סטריט.

אויפן צווייטן שטאק האבן מיר געהאט איין גרויס צימער, מיט א קליין צימער פאר א ביבליאטעק און קאמיטעט־זיצונגען. דער קאמיטעט פלעגט זיך דארט צוזאמענקומען כמעט יעדן אוונט. דער פאריין איז געווארן גרעסער און גרעסער.

שבת און זונטאג פלעגן מיר האבן פארזאמלונגען מיט גוטע און באוואוסטע רעדנער. איינער פון זיי איז געווען אבערסאן אן אנארכיסט, וואס איז געווארן א ציוניסט. ווען ער פלעגט האלטן א רעדע פלעגן אנארכיסטן און סאציאליסטן קומען און מאכן א טומל. אבערסאן אבער איז געווען א פייערדיקער רעדנער און געוואוסט וואס צו ענטפערן.

אן אנדערער רעדנער איז געווען ד״ר יחזקאל ווארטסמאן. ער האט אנגעשריבן א בוך, „וואס ווילן די ציוניסטן?״ ער פלעגט זיך אונטערשרייבן „בן־אדם״ ווי דער נביא יחזקאל ווערט אנגערופן „בן־אדם״; און קלמן מר מר — אדער צוויי מאל ביטטער.

אויך ד״ר יעקב זאלקינד, לייזעראוויץ, און אנדערע.

דירה־געלט האבן מיר געצאלט צען שילינג די וואך און געהאט נאך הוצאות אויף אן ערך צען שילינג א וואך. ביישטייער איז געווען א פעני א וואך, און ווען מיר האבן געעפנט א ביבליאטעק איז דער מיטגלידס אפצאל געהעכערט געווארן אויף צוויי פעניס די וואך. צו יענער צייט האבן מיר שוין געהאט ארום צוויי הונדערט מיטגלידער, וואס האבן געלעבט צעווארפן איבער דער גאנצער איסט־ענד.

וויאזוי האט מען צוזאמענגעקליבן דעם מיטגלידס־אפצאל?

מערסטנטיילס זענען מיר געווען ארבעטער, באשעפטיקט לאנגע שעהן, און זונטאג א האלבן טאג. פלעגן טאקע אייניקע פון אונז גיין אויפמאנען דעם אפצאל, וואס איז גארנישט געווען גרינג. עס פלעגט טרעפן, אז מען האט געמוזט קומען צוויי מאל נאך דער פעני אדער צוויי פעניס.

מר. קארט איז געווען א גלעזער. ער פלעגט זיך ארומטראגן מיט א קעסטל גלאז אויף דער פלייצע און אויסשרייען, — פענסטער ארייצושטעלן!

זער זעלטן פלעגט עס טרעפן, אז ער האט פארדינט עטלעכע שילינג.

מיט אונז, חברים, פלעגט ער זיך פארהאלטן גוט. געווען א גוטער פארלייענער, אבער זיין לשון איז געווען שרעקלעך. אבער אין אלגעמיין האבן מיר אים ליב געהאט און מיט אים געהאט מיטלייד. אויף עפנטלעכע פארזאמלונגען פלעגט ער זיך נישט פארהאלטן אידל, נישט האבנדיק קיין דרך־ארץ פאר קיינעם. אויב א רעדנער איז אים נישט געפעלן, פלעגט ער יענעם אנרופן „פערד,״ „בהמה״ און ענלעכע אזעלכע „שיינע״ נעמען.

אמאל האבן אים די ברידער בול איינגעלאדן פרייטאג־צונאכטס און שבת. דער בעל־הבית א פרומער ייד, א תלמיד־חכם, ר׳ מרדכי זאב, האט אים איפגענומען מיט ליבשאפט. אלע האבן זיך געוואשן צו שאר־ידיכם, מר. קארט נישט. אלע מאכן קידוש, מר קארט נישט. אלע עסן, מר קארט אויך. אלע בענטשן, מר. קארט נישט. נאכן עסן באמערקט מר. קארט ערגעץ א קעסטעלע מיט ציגארעטן. ער נעמט זיך א ציגארעטל און פאררויכערט ביי די שבת־ליכט.

דער בעל־הבית מיט דער באלעבאסטע רוקן זיך ארויס פון צימער. די ברידער פרובירן איינטענהן מיט אים, אז ער האט געדארפט שוינען די געפילן פון זייערע פרומע עלטערן. ער אבער זאגט:

— אייער טאטע טוט וואס ער וויל, און איך טו וואס איך וויל. אייער טאטע איז ארויס פון צימער, אידהאב אים נישט געשטערט. איך רויער, דארף מיר קיינער נישט שטערן!

די פאמיליע בול זענען געווען פעריערס, האבן זיי אים אמאל געגעבן



סחורה צו פארקויפן. איז ער ארויס שבת אויף א מארק און איידער ער האט עפעס פארקויפט, האט מען אים ארעסטירט פאר נישט שטיין אויף א ריכטיקן פלאץ.

צומארגנס האבן מיר אים ארויסגענומען אויף בייל. עטלעכע טעג שפעטער האט מען אים באשטראפט מיט עטלעכע שילינג, וואס מיר האבן פאר אים באצאלט מיט אונזער ארעם געלט. ערשט מיר זענען גארנישט פארטיק מיט אים. א טאג מיט א נאכט האט ער דאך פארברענגט אין א צעלע ביי דער פאליציי, וויל ער האלטן א רעדע איבער זיין „תפיסה־לעבן״ . . . מיר קענען עס אים נישט אפזאגן.

א געוויסן זונטאג האלט ער א לאנגע רעדע, דערציילט אונז ווי ער האט געלערנט אין א ישיבה, געווען אן עילוי און פרום. דערנאך איז ער אוועק קיין פאלעסטינע, וואו ער איז געווארן א פריידענקער. הלואי וואלט ער דעמלט אפגעביסן א פינגער יענעם בחור, וואס האט אים ארייגעשטופט עסן אין מויל אריין יום־כפור; און וואלט בעסער געבליבן א פרומער ייד.

ער האט זיך פארנומען מיט זיין פאך פון ארייינשטעלן שויבן, אבער האט אפטמאל געבארגט צוויי פעניס ביי יעדן איינעם פון אונז און לעבן מיט דעם געלט א גאנצן טאג.

אונזער פארזיצער, מר. עלקעס, מאכט אמאל פורים א פורים־אוונט אין לאדט איין דעם קאמיטעט. אליין האט ער געוואוינט אויפן דריטן שטאק אין א הויז אין האונדסדיטש. לויט די אומשטענדן פון יענער צייט האבן מיר זיך גוט אמוזירט ביז נאך האלבער נאכט. מיר גייען אראפ די טרעפ, אין גאס איז שטיל. ערשט מר. קארט צעזינגט זיך בקול־רם „חושו אחים״. מיר ווערן אויפגעציטערט. מיר ווילן אים אפהאלטן, אבער ער טוט דאס זייניקע און האט נאך טענות.

— שיכורע גוים, — זאגט ער — מעגן זינגען שמוציקע לידער, און איך טאר נישט זינגען קיין ציון־לידער?

מר. קארט האט זיך אפגעמאטערט אין לאנדאן עטלעכע יאר און צוריקגעפארן קיין ארץ־ישראל.

איך געדענק נישט ווילאנג אונזער פאריין האט עקזיסטירט. אזוי ווי אסך קליינע פאריינען זענען אונטערגעגאנגען, איז אויך אונזער פאריין אונטערגעגאנגען. עס האט זיך געגרינדעט דער פאריין „בית ציון״. ציון־פאריינען האבן דעמלט עקזיסטירט אן א צאל און מיט כלערליי נעמען. אזוי, לשמל, די „בני־ציון״ פלעגן האלטן פארלעזונגען אין דער קינגס־האל, קאמערשל ראוד, וואו די אויסגעקליבענע ציונים, די אריסטאקראטיע, האבן באלאנגט.

ביי די בני־ציון איז דער הויפט געווען א ייד פון ווילנע, וואלף פינקלשטיין, וועלכער האט נאר גערעדט ענגליש. קאלאנעל גאלדסמיטה האט דארט אמאל געהאלטן א פארלעזונג.

עס איז אויך געווען א שיבת־ציון פאריין און פאריינען וואס האבן זיך

גערופן דרכי־ציון און נס־ציון און אסך אנ.דערע, וועמעס נעמען זענען אויך פארגעסן געווארן.

אין בית־ציון האבן שוין געארבעט רב גאלדבלום, מאריס מייער, הרב סינגער און נאך פיל באוואוסטע ציונים.

אייזיק גאלדבערג

## מען ווערט עלטער...
(געווידמעט מיין ליבע פרוי צביה)

יעדעס יאר, מען ווערט עלטער,
א געיאג, פון אונזביידן,
נישט מען לויפט, קוים מ׳גייט,
ווי א באבע מיט א זיידן...

מיר גייען ביידע, אזוי צוזאמען
יארן לאנג שויך, ווי די קינדער
געשפילט מיט פרילינג און מיט זומער
יעצט געקומען איז דער ווינטער...

ווען מיר בליקן אויף צוריק,
ווי גיך דאס לעבן איז אוועק;
יא, יארן פליען ווי די ווינטן
אז עס נעמט אזש אן א שרעק:

וואהין, מיר גייען ווייטער,
דאס איז א פראגע פונם לעבן;
טא לאמיר האפן, ווי קליינע קינדער,
נאך פיל גוטעס צו דערלעבן...

זאל אונז זיין, נאך באשערט,
זיין צוזאמען, ביז אויף גאר,
מיט נחת גליק, וואס מיר האפן,
אויף נאך לאנגע, גוטע יאר.

א. נ. שטענצל

## פארן לעצטן געראנגל

1

צו דער ארבעט בין איך נישט געגאנגען, פול געווען מיט „מחיות": אין מזרח־בערלין אלטער מיטן וועדינג, דער קולטור־פאריין און דער סטודענטן־פאריין; אין וועסטן דער „שלום־עליכם קלוב" אין ס׳ראמאנישע קאפעע, און דאצווישן דער גאנג אין דער ערב־פרילינג זון איבער די שטאאטלעכע און פריוואטע גאלעריעס דורך די זיגעס־אלייע און טירגארטן — איין גרויסע דיסקוסיע: סאציאליזם, קאמוניזם, אנארכיזם און וואס זענען די עיקרים פון יידישקייט און על־כולם וואס איז דער עיקר פון דער קונסט?

עס איז געווען איין יומא אריכתא און צו די דיסקוסיעס האט גאר קיין סוף נישט גענומען; עס האט זיך געצויגן פון נאך האלבער נאכט ביז נאך האלבער נאכט.

ווער האט געהאט א קאפ צו שלאפן? אין די פרייע שעהן זענען גע־שטאנען פריי אלע בענק אין די גערטנער, די זאפע אין דער ליניען־שטראסע



ביי די בראנשטיינס, דאס בעט ביי אלטערן אויפן וועדינג.

אז אנגעטראפן די דריי גאליציאנער ברידער, זייער שוועסטער, אלע ראסישע, שיינע מענטשן מיט פרייד אויף זייערע פנימער; אז כ׳האב זיי גע־טראפן אין דער סטודענטן־היים אויף דער פרידריך־שטראסע, האט זיך גע־צויגן איין גרויסער יום־טוב, קיינמאל זיך נישט צו ענדיקן — אלע דריי פאעטן: דער עלטסטער האט געשריבן העברעאישע לידער, און די גאנצע העברעאישע ליטעראטור געקענט בעל־פה; דער יונגסטער האט געדיכטעט דייטשע לידער און כסדר דעקלאמירט ניטשען; דער מיטלסטער, דער יידישער פאעט, תמיד א פארשוויגענער אין זיך, איז נאכגעגאנגען פון הינטן ווי זיך נאכגעשלעפט — ווי ער וואלט געטראגן דעם גאנצן עול פון דער וועלט.

און אז די שיינע שוועסטער האט געגעבן א צעשאקל איר שווארצן, צע־לאקטן קאפ און אים איינגעצויגן שטיל אין איר שלאנקן האלז און גענומען זינגען שטיל אין זיך דאס ליד „וואלד, א וואלד, שכינה, א, שכינה: איז גאנץ בערלין פארשוואונדן, האט די גאנצע וועלט אויפגעהערט — עס האט זיך געצויגן מעת־לעתן — לא יום ולא לילה!

אין איינער א פאר־פסח נאכט, די לבנה איז געשטאנען אויפן הימל ווי אן אויסגעשטעלטע סדר־שיסל און דער גאנצער ארום א בלוי־פארשכורטער פון די איבערגייענדיקע, גאלד־צעבעכערטע שטערן, האט זי גענומען „זאגן" שיר־השירים — איך הער נאך אצינד קלאפן דאס הארץ אין מיר, ס׳האט ריטמיש צוגעקלאפט צו יעדער נקודה — די פייגל אין די נעסטן האבן אויפ־געוואכט אין פון טירגארטן האבן מיר געהערט יעדע מינוט א געבריל פון אן אנדערער חיה, וואס האט זיך פון שלאף אויפגעכאפט —

„הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים!" וואו זענען די דריי ברידער געווען? אלע דריי, די שלאנקע, די גרויסע, די ראסישע זענען געווען פאר־קראכן אין זיך. די געוואלטיקע שטילקייט ארום, מ׳האט געהערט אטעמען די וועלט —

„מראש שניר וחרמון,
ממעינות אריות מהררי נמרים".

זייער פאטער איז געווען חזן־שוחט פון א גאליציש־קארפאטן שטעטל און ווען ער האט געהערט, אז זיין זון דער בכור איז נתפקר געווארן, איז ער אריין מיטן בלאנקן חלף אין שלאפצימער פון די קינדער. משה האט זיך געראטעוועט אין איין העמד דורך דעם אויפגעריסענעם פענסטער, די איב־ריקע זענען אים נאך מיט די קליידער אין די הענט.

אזוי זענען זיי איינער נאכן אנדערן אנגעקומען קיין בערלין.

דער עלטסטער האט זיך פארייניקט אין א שיר־השירים ליבשאפט מיט א לאדזשער סטודענקע, און ס׳איז געבוירן געווארן א ייִנגעלע.

ווער קאן און ווער מעג און ווער איז ראוי אזוינס מיט ווערטער אויפ־צושרייבן —

איך בין איינמאל געווען אין זייער מעבלירט צימערל בשעת טאטע־מאמע

— אויך זי, די מאמע, איז געווען א שלאנקע, א הויכע, א ראסישע — האבן זייער ייִנגעלע געצוואגן —

אין דער וואש־שיסל, און כסדר צוגעגאסן הייס וואסער פונם טשייניקל, וואס האט זיך געווארעמט אויפן גאז־רינג — די הייליקע ארעמקייט!

אזא לעבן „לא יום ולא לילה" וואלט זיך דאך געקענט ציען אן אייביקייט, אבער פלוצלינג איז דער פרילינג דא געווען —

דאס פעלד האט גענומען ציען, די ארבעט אויף די אקערס, צעשמעקטע הייראנקעס, די וואנדערלוסט איז ווידער אריין אין די ביינער: דאס פישער דארף די הארץ־בערג, די זאקסישע שווייץ, די דרעזדענער גאלעריע.

אויף חול־המועד בין איך געווען פארבעטן קיין לייפציג פון ד״ר זוהל.

* * *

איך בין שוין פון לייפציג נישט צוריק קיין בערלין! אויסגעסטראיעט ווי א „וואנדער־בורשע", מיט א רוקזאק אויף די פלייצעס, מיט א געצייכנטער מאפע אין האנט: איבערן פראנקן־וואלד, איבערן שווארצוואלד. פון די בייערישע אלפן־בערג דורכן רהיינלאנד אריין קיין באזל —

איז דאך יעצט אין באזל די גרויסע וואן־גאך אויסשטעלונג פון אלע זיינע בילדער, וואס א רייכער אמעריקאנער האט אפגעקויפט, און ווער ווייסט ווען מ׳וועט זיי ווידער קאנען זעען.

אבער אומבאדינגט די אלטע שטעט אין דרום־דייטשלאנד! אמבעסטן, כ׳נעם באלד א בילעט ביז פראנקפורט אם־מיין און דארט ערשט אנהייבן. איז דאך דאס פראנקפורטער געטא נאך א שטיקל אייגנס און געהיטעס געבוירןשטאט איז אויך עפעס —

נאכן לעצטן קלונג, אין אפענעם פענסטער שרייט מיר זוהל נאך:

„גייט אריין דארט אין דער געמיינדע־צייטונג, זיי האבן איבערגעדרוקט אייערע איבערזעצטע לידער — — —"

אויפן שלעפ־צוג, פערטע קלאס, בין איך נישט געווען קיין יחיד מיט מיין רוקזאק, א גרויסן, א פול־אנגעשטאפטן, און מיט מיינע קורצע „בריטשעס".

און כאטש צווישן די דיאלעקטן, זאקסיש־בייעריש־פרייסיש, האט מיין בערלינעריש־יידיש אריינגעפאסט ווי א פיפט ראד אין וואגן, אבער אין דעם אומגעשמירטן וואגאנען־רעדער געקלאפט און אין דעם „בורשהאפטן" מיידלגעלעכטער איז נישט געווען צו דערקענען „בין שיכבה לקומה" — דאס קופע האט געהילכט פון די לידער און דאס אלץ אין באגלייט פון מאנדאלינען און באלאלייקעס — ס׳איז געווען אן „אנגעהיצטע" אטמאספערע . . .

און אין דעם הו־הא און פארטויבנדיקן גערויש איז זיך געזעסן אין א ווינקל אויף דער פאדלאגע, מיט אפאר נאקעטע, דארע קני ארויסגעשטעקט אין דער לופט, א קורצזיכטיקער, מיט אפאר דיקע „אויגן־גלעזער", און זיך געריבן דעם שטערן לייענענדיק דאס „קאמוניסטישן מאניפעסט"—

מ׳האט געזעען ווי דער תוהו־ובוהו, דאס באלאלייקען, דאס כאאטישע זינגען, דאס הילכיקע קוצעניו־מוצעניו־געקיש שטערט אים אין זיין „לעקטירע".



„וויסן זי, לעזן דאך האך, ווערדע איך אאוך הערן", האב איך מיך צו אים צוגעזעצט און אויך אויסגעשטרעקט אפאר דארע, נאקעטע קני.

„עס איסט קיין שלעכטער פלאן ניכט קאמעראד".

די גאנצע נאכט, וואס דער צוג האט זיך שלעפעריק געשלעפט — חברה שוין הייזעריקע פון זינגען, אפגעקושטע און שנארכנדיקע — און ער האט נאך אלץ מיט זיין איינטאניקייט געלעזן ווי ער וואלט דעם שנארך־קאנצערט מיט א באלאלייקע באגלייט.

איך בין געזעסן ווי באנומען, ווי פאראליזירט — מיטגעריסן! מיינע הארכנדיקע, אויפגעריסענע אויגן צוויי דיקע „אויגן־גלעזער". . . דרויסן איז שוין ליכטיק און אין מיר קלארט זיך אויך עפעס אויף . . .

כ׳שטעל מיך אויף א פענסטער אביסל צו עפענען! בחורים און מיידלעך פארפלאכטן אין די ארעמס, רוקזעק צוקאפנס, מאנדאלינען צופוסנס. מיין פארלעזער, די דיקע ברילן אויפן שטערן, שנאכרט.

יעצט הייב איך ערשט אן צו פארשטיין די אלע בערלינער דיסקוסיעס אין דער סטודענטן־היים, אין קולטור־קלוב, כאשינס קנעלן מיט בערגעלסאנען —

ס׳איז די אלטע דיסקוסיע, דיני ממונות — „שור שנגח את הפרה"!

עס האנדלט זיך אינם ליכטיקן, קלארן חזיון אים צו קענען צופאסן צו דער פינסטערער תוהו־ובוהו וועלט. אין די רייסערייען איבער דער „ביצה שנולדה ביום־טוב", זאל נאר דערווייל דאס איי נישט צעבראכן ווערן —

אנגעקומען קיין פראנקפורט אם־מיין, איז געווארן א בהלה אין קופע. צווישן דער רוישיקער חברה האב איך דערזעען א צעקאכטן דעם בחור מיט די דיקע „אויגן־גלעזער". — מ׳האט זיך גענומען גרייטן צו גיין צום „געהעטע־האאוז"; אונטערגעברומט געהעטע־לידער, זיך צוגעווארפן געהעטע־פראזן. ביי די פלומפן דרויסן זיך געוואשן, געקעמט, גרעטל־פריזורן אין די שפיגעלעך זיך געמאכט — דער מארש האט זיך צוזאמענגעשטעלט, די באלאלייקעס, די מאנדאלינען האבן געקלונגען, חברה האט געזונגען. אנגעקומען אין די „יידישע געסלעך", האב איך מיך דערמאנט אין דעם, וואס ד״ר זוהל האט מיר נאכגעשריגן מכוח דעם האנאראר אין דער רעדאקציע. איך האב מיין „קאמעראד" אין דער ריי געזאגט, אז איך מוז דא עמיצן באזוכן. און מיר טרעפן זיך דא פארנאכט אין דער קנייפע קייגנאיבער, און פון דארט צוזאם צוגיין צום „יוגנד הערבערג" וואס געפינט זיך ערגעץ אין א קלויסטער.

ער האט מיך געגעבן א קוק אן דורך די דיקע „אויגן־גלעזער" אזש ס׳איז מיר קאלט געווארן: „דו קאמסט ניכט מיט צום גהעטע־האאוז?. . .

אין רעדאקציע האט מיך אויפגענומען ד״ר ערנסט סימאן. אפגעוויקלט די חשבונות, זאגט ער צו מיר:

„מיר האבן דא צוויי מענטשן, וואס מוזט זיי אומבאדינגט קענען לערנען אידער איר פארלאזט פראנקפורט: מארטין בובער און פראנץ ראזנצווייג."

„און ווער איז דער עיקר? ווייל כ׳האב קוים געציילטע שעהן".

„גייט קודם צו פראנץ ראזנצווייג. ס׳איז אויך נישט ווייט פון דא, אין

די ראטשילד־הייזער״.

איך האב דעם נאמען ס׳ערשטע מאל געהערט. בובערס נאמען איז מיר שוין געווען באקאנט.

איך בין אריינגעקומען צוויי ענגע שטיבלעך. אין איינעם איז געלעגן א פארקינסאן־קראנקער אין לעצטן סטאדיום. ער איז געלעגן אויפן רוקן, קייגנאיבער אים א קאנסטרואירטע מאשין. פון רגע צו רגע באריט זי א ציטערדיקער צעקרומטער פינגער און ס׳באוויזט זיך אן אות — א סטענאגראפישווארט.

וואונדערלעך איז געווען דער הערלעכער קאפ מיטן צעשטראלטן תלמיד־חכם שטערן, באדעקט מיטן שווארצן געקרייזל אויף דעם ווייסן קושן. די פולע ליפן צווישן די וואנסעס האבן קוים א ווארט געקענט ארויסברענגען — עס איז צערונען אין א גאווער פונם מויל.

די שלאנקע, מער אויסגעצערטער פרוי, ווי א הייליקע צוקאפנס ארום דער שכינה —

בין געשטאנען ווי א צעמישטער, ווי פאר א וויזיע! וואס טו איך דא?

עפעס א קוואל האט זיך געעפנט אין מיר. איך האב גערעדט און גערעדט און ער האט אן אויפהער געלאכט, עפעס אזא מין ווילד־נביאיש געלעכטער.

ביי מיין ארויסגיין האט מיר די אויסגעצערטע שלאנקע פרוי געדריקט די האנט און געהאט טרערן אין די אויגן:

„מיין מאן האט שאן לאנגע ניכט געלאכט זא ווי הויטע״.

איך האב נאך געהאט צייט צו גיין צו בובערן. ער האט געוואוינט גאנץ הינטער דער שטאט.

איך בין אריינגעקומען אין א זאאל ווי אין עפעס א גרויסן, רוישיקן צעשריגענעם מארק־פלאץ. ארום און ארום די ווענט פול מיט ביכער; שרייב־מאשינען — א פאבריק! אינמיטן — טישן מיט אפענע פאליאנטן.

דא איז געווען דאס אומגעקערטע! אן אויפהער האט א מענטש גערעדט מיט גרויס חריפות, מיט געוואלטיקע איינפאלן און אויב דער ערשטער האט אויסגעזען ווי א לאכנדיקער נביא, האט דער צווייטער אויסגעזען ווי א טרויעריקער אפאסטאל.

* * *

פון דער גאלעריע איבער דער שטוב, פון צווישן די ביכער, איז אראפ־געקומען א דאמע מיט א טאץ קאווע און קוכן.

מיטן טעפעלע קאווע אין דער האנט איז מארטין בובער צוגעגאנגען צו א שאנק, ארויסגענומען א שריפט, א מין פעסטלעכן פראגראם — עס איז געווען צו א הונדערט־יאריקער פייערונג פון א סינאגאגע, דאכט זיך די מינכענער, און דארט איז געווען איבערגעדרוקט א ליד פון מיין „און דו ביסט גאט״ אין ד״ר זוהלס איבערזעצונג.

ער האט צוערשט געוויזן מיר און דערנאך דער פרוי. זי האט לייטזעליק געשמייכלט, האלטנדיק אין האנט דעם סינאגאגען פעסטלעכן פראגראם, גע־



קוקט אויף מיינע „ברישעס״ — עפעס האט איינס מיטן אנדערן זיך נישט געפארט . . .

* * *

ווען כ׳בין צוגעקומען צו דער אפגערעדטער קנייפע איז שוין געווען שפעט פארנאכט. דרויסן פאר דער טיר איז געשטאנען א בענקל מיט א האנטוך א סימן, אז ס׳איז שלאכט־פעסט.

איך בין טאקע געבליבן ליגן מיטן רוקזאק צוקאפנס אין דער שטוב, וואו דאס געשלאכטעטע חזיר איז צורעכט געמאכט געווארן. בלוט־פלעקן האבן זיך נאך אנגעזעען אויף דער פאדלאגע און פון אלע שטובן ארום האט עס געהילכט מיט שכורע קולות, מיט כארכלענדיקן טומל, מיט יללה־געזאנגען, מיט ווייבערישן געקוויטש.

כ׳בין אבער מיד געווען פון די דערלעבענישן פונם טאג, פון דער קאנ־צענטרירטער נאכט ביים צוהערן פונם טומל האס לייענען פונם „קאמוניס־טישן מאניפעסט״, אז אין דעם שכורן און תאוהדיקן רעש און ביר־טומל בין איך א ווארפנדיקער אין שווערע ווילדע חלומות. סוף־כל־סוף אבער האך איינ־געשלאפן ווי א געהרגעטער.

— המשך אין קומענדיקן נומער —

## א מעשהלע פון א פארשוואונדענעם למד־וואוניק

(א מתנה רבי שפערבער צו זיין שנה־ראשונה אין ירושלים)

ווען ער איז אין שטעטל דא אהערגעקומען,
קיין איינער שוין קאן זיך נישט מער דערמאנען;
אייביק אזוי ער וואלט שפאנען פון טיר צו טיר,
אויף נאשידלעס וועגן זיך שווער צוויי קאנען —

א וואגשאל אזא וויגט זיך איבערן שטעטל,
די גאלע גוטסקייט פון הארץ אויסצוּוועגן;
אין זיינע אויגן א שוויגנדיקע תשובה,
נאך איידער ווער גרייט אים עפעס צו פרעגן.

פולע עמערס וואסער איבערגייענדיקע,
מים־חיים טראגט ער אין אלע שטיבער;
יעדע צעקרומטע שוועל, וואס ער טרעט אריבער,
ווערט באשפרענקלט מיט א גוטסקייט אזא ליבער.

נישט מען זעט אים דאווענען, נישט מ׳הערט אים לערנען,
טאפטשעט אין די שטיוואלעס, צו זיך רעדט ער;
ווינטער פוך אונטער די קריע־שטיקער שעפט ער,
ס׳רייסט א זאווערוכע, ס׳בייסט וויוגע־וועטער.

אייז־צאפנס הענגט זיין אטעם אויף זיין בארד און וואנס,
די הענט פארפרוירענע, צעשעקעט רויטע;

א הייסן טעלער בארשט גיט אים א באלעבאסטע —
איף צורת־מטבע ס׳קען זיך אויס א שוטה?

אין די חמימותדיקע, גליאיקע תמוז־טעג
שטעטלדיקער טייך פון די היצן טרוקן,
פון סטאק הינטערן וואלד דשוויגעט ער די קאנען,
ס׳קוויקן זיך פארחלשטע, שווער מסוכן.

אין די נעכט ביי די טישן תורה־צעהיצטע,
קומט ער אין בית־מדרש, ס׳פינקלט זיין עמער;
גיט מען איין שלונג גאר פון בלעכנעם קענדל,
לייכטער ס׳זאגט זיך דער שווערסטער „ואם תאמר".

אפגעטון זיין ארבעט, בלייבט ער שטילינק זיצן,
טונקל פארשאטנט הינטערן מעלעמער;
ווען עולם צעגייט זיך, שנארכט ער הינטער אויון,
צוקאפנס די נאשידלעס און די עמער.

דעמלט ערשט ריכטיק זיין עבודה ער הייבט אן,
זוהר ר׳נעמט לערנען, „תיקון רחל" זאגן,
און ס׳גאנצע בית־מדרש טליתדיק־איינגעהילט
איך איין זיס־זינגענדיק וויינען און קלאגן.

נישט דערקענען ס׳זאל קיינער, זיך נישט דערוויסן,
פילט ער די עמער אן מיט זיינע טרערן;
איבערן ארון צאנקענדיקער נר־תמיד:
ציטערט פאר פחד פארלאשן צו ווערן.

אין איינער נאך האלבער נאכט א פינסטערער
א מקשה־לילד געגומען קרייסן — —
וואס טוט מען, וואו זוכט מען הילף? איז מען געלאפן
אין בית־מדרש ס׳ארון־קודש איינרייסן —

זיצט ער דער וואסער־טרעגער איבערן זוהר,
אויגן זיינע — טרערן־לאגלען צערינען —

*　　*　　*

קיין וואסער בייטאג אין שטעטל שוין נישט געווען,
אין יענעם באגינען ער איז אנטרינען:

„קיין מים־חיים אין די יידישע שטיבער
איך וועל דאך דא שוין נישט מער קענען טראגן.
תורה זאגן, קוויטלעך נעמען? אסך בעסער
מיך פלינק אפטראגן נאך איידער ס׳נעמט טאגן.

די נאשידלעס ר׳האט שנעל מיטגעכאפט מיט זיך!



אבער דעם אמער אנגעפילט מיט טרערן?
ער איז געבליבן הענגען אויבן אין הימל,
ליכטיקער „מזל־דלי" צווישן די שטערן.

## אזעלכע פרילינג - סטראפעס היי - יאר

1

א חשכותדיקע ליידיקייט אין מיר,
און מיט גארנישט די הוילקייט אויסצופילן;
פון די ווינקלען קריכן שאטנס ארויס,
די הויט נעמט רונצלען, דאס בלוט ווי ס׳טוט קילן —

אלץ אין מיר אזא וויסט צעמישעניש,
קיין ווארט פאר גארנישט צו געפינען;
אין דעם פינסטערן תוהו־ובוהו
כאטש גאנץ אראפצוגיין שוין פונם זינען.

*　　*　　*

דער טרויער וואס נעמט מיך ארום,
מיין אויג ס׳לעשט כסדר א טרערל;
אויב אין באלטן קיין האק נישטא,
אבער אין קיך דאס גאז־רעדל — —

ס׳גאנצע לעבן אזא ליגן,
זאל דאך דער סוף כאטש זיין א ווארער!
אז נאך א נול צוגעשריבן,
צי וועט דער חשבון ווערן קלארער?

*　　*　　*

כ׳האב מורא אין שטוב צו זיצן,
ארויס כ׳יאג אין צעברויזטן דרויסן;
נאך פלינקער לויפט ער מיר פארויס:
„בלויז וואס איז גאנצער הוהא דען אויסן?

„דאס שנעלע געאייל, דאס געלויף,
איינער צווייטן איבערצויאגן,
ווי יעדער קאר וואס פלינקט פארביי".
שרעק־צעשראקן גלאצן די ראגן.

*　　*　　*

זע, ס׳גרויע בייכל, דער ברוינער רוקן,
אין דער זון ס׳שפיגלט זיך ס׳אפענע אייגל,
די גאנצע ערד ס׳איז זיין וויגל איצט,
דאס איילו־לו ליד זינגען אים די פייגל.

ווי מיאוס ער האט אויסגעזען ביים לעבן,
ציטריק־געהעצטער ראט צווישן די וועגן,
אזוי וואונדערלעך־שיין ס׳ליגט זיך אצינד,
ג׳אטס באשעפעניש אן מינדסט אויפרעגן.

* * *

בין איך עס אריבער דעם ראג,
אדער איז עס גאר א צווייטער ?
צווישן די גראדע וועגן דא,
עפעס א שטשור א צעדרייטער ?

באוואונדער איך ווי ס׳וועקסלט זיך,
לעמפל גרינס מיטן רויטן ?
אדער אין די אויגן נאך אלץ
דעם ראט ליגנדיק א טויטן ?

* * *

מיטן שורש ארויסגעריסן די געסלעך,
אז קיין זכר פון זיי נישט איבערגעבליבן;
דאך כ׳דערקען צומאל נאך יענע גארטן־באנק,
וווּ פריילינג־לידער דא אמאל כ׳פלעג שרייבן.

האב איך נישט געווארצלט דא א גרינינק גרעזל,
א זוימנדל אין ווינט אהער פארפלויגן ?
שטיל וואנדלט מיין טראט ווי צו א טעמפל־טויער,
ביים אריינגאנג מיין קאפ טוט זיך פארנויגן.

2

די צעבליטע רויזן איבערן פלאט,
איך דערזע זיי און כ׳האלט שטיל איין מיין טראט;
אין פנים אריין מיר געיאגט אזא פלאם,
נישט אויפצושרייען איך נעם מיך צוזאם :

אקארשט ווי לאנג דא פארביי איך בין,
צווישן דערנער־שפיצן געשפינט א שפין — —
הארץ מיינס, זע וואס פלוצלינג ס׳קאן געשען,
און ווייטער כ׳גיי אנדערש ווי געווען —

* * *

פון יעדן רויזן־בלעטל אמאל געליינט,
צווישן די שורות האט די זון געשיינט !
און אין זיי וואס נישט אלץ אריינגעלייגט,
ווי אלץ אין מיר פארביסן איצט שווייגט —



אז קיין ווארט מער אויף מיין צונג, קיין פרישס מער !
און ווען אהיים צוריק אין מיין שטוב כ׳קער,
שאטנט טויטער שטשור פון ווינקל ארויס
און ס׳פריילינגט פינסטער אין מיר אות נאך אות —

* * *

כי טוב, א סך בעסער א טויטן ראט,
ווי לעבעדיק יידישן ליטעראט,
ווארים נאך איידער אומשטערבלעך ער ווערט,
ניין טפחים טיף ליגט ער שוין אין דער ערד.

פון די געסלעך דא וואהין ארויס,
צו ווערן אויסגעמישט צו ווערן אויס,
ווי אונטערגעשניטן עס ווערט א בוים,
צעפלאטערט אינם ווינט דער לעצטער זוים.

* * *

וווּ דער פעפער וואקסט פארפלאנצט נאך ער ווערט,
נישט אויסצוּוואקסן א שטאם אין דער ערד,
אויף וואנט קריכט צו דער זון א קלעטער־פלאנץ,
אין לעצטער רגע צו פארשווינדן גאנץ.

נישט אנגעצונדן אין שטוב כ׳האב דאס ליכט,
פריילעך פינסטער שרייב איך אן דאס געדיכט;
פריילינג, ניינצן זיבעציק צוויי,
צו מיין פינף ב׳זיבציקסטן יובליי.

* * *

צי וואקסט נישט אלץ פון דער ערד ארויס,
דער עפל־בוים די זאנג און די רויז ?
און גייט נישט אלץ צו די ערד צוריק ?
אומשטערבלעכקייט — א שערבעלע־שטיק !

ס׳אויג פון טויטן ראט א גאנצע נאכט —
ליינט לבנה פון די שטערן און לאכט :
א מיראזש, א קאשמאר און נישט מער,
א העצן, א דרייען אן־אויפהער.

* * *

פייגעלע מיט זיין טשוויטש מיך אויפגעוועקט,
ערשטער שטראל שלאף פון אויג מיר אויסגעלעקט ?
ווי קלאר מיין בליק, מיין הארץ ווי רואיק שטיל,
ווייסט דען א באשעפעניש וואס עס וויל.

ס׳ארבעט אין אונז פון אונזער ערשטן וויג,
ביז מען בלייבט ליגן מיט פארגלאצטן אויג — —
אז געהערט נאך א פויגל זינגען היינט,
אז איך זע נאך ווי די זון ליכטיק שיינט.

3

אויב דאס דאך אצינד געקענט אויפשרייבן,
איז עס דער חזק פון מיינע לידער,
און איך וועל עס נאך אין זאמד אין דער ערד,
שוין ליגן אין איר מ׳וועט מיר אנידער.

מיט שערבעל אויף אויגן כ׳וועל ליגן,
אן שום פניות אין מיר ארייגקוקן;
פנימיותדיק אין מיר א גרעזל אויפגייט,
אין טוי קלארן זיך טובלען און טיקן.

ס ע ם  ג א ל ד ב ע ר ג

## א גאלדן בלימעלע אין דער איסט סייד

— „מיין טאטנס בית־דין שטוב", פון יצחק באשעוויס —

יצחק באשעוויס־זינגערס „מיין טאטנס בית־דין שטוב" ווערט שוין וואכן־לאנג געשפילט אין דער ניו־יארקער איסט־סייד מיט גרויס דערפאלג פון דער „פאלקסבינע", און דער דערפאלג וואקסט וואס אמאל גרעסער און גרעסער. דוד ליכט, דער רעזשיסאר, האט דאס ליטערארישן־קינסטלערישע מייסטער־ווערק דראמאטיזירט.

עס איז עפעס אזוינס וואס קען זעלטן פאסירן אין יידישן טעאטער!

אייגנטלעך איז די „פאלקסבינע" געווען, אין משך פון פינף און פערציק יאר, א חברים־אמאטארן טרופע, וואס האבן קיינמאל נישט געצויגן דערפון קיין פרנסה. מיט איינמאל איז אלץ געווארן איבערגעדרייט. די „פאלקסבינע" האט זיך פארוואנדלט אין א פראפעסיאנעל טעאטער, מיט סטארס און מיט דערפאלג, ווייל עס גאסטראלירן דארט סטארס טאקע פון יידישן טעאטער ווי, למשל, יעקב בן־עמי און בערטא גערסטן. אט דערפאר איז דער דערפאלג אזוי גרויס!

אן און פאר זיך איז בערטא גערסטן א סטאר, וואס האט מיט דערפאלג גאסטראלירט אין אייראפע, זיד־אמעריקע און אין אנדערע ערטער. יעקב בן־עמי איז א סטאר נישט בלויז אויף דער יידישער בינע, נאר זינט 1922 האט ער אויך גאסטראלירט אין אמעריקאניש־ענגלישן טעאטער, אזוי, אז עס איז גאר קיין וואונדער נישט וואס דער דערפאלג פון „מיין טאטנס בית־דין שטוב" איז אזוי גרויס.

אט די דראמאטיזירונג אנטהאלט, אזוי ארום, נישט ווייניקער פון פיר



גאר גרויסע סטארס: דעם מחבר יצחק באשעוויס־זינגער, בערטא גערסטן, יעקב בן־עמי און דעם קינסטלער־רעזשיסאר, דוד ליכט!

אין דער „פאלקסבינע", היינט־צו־טאג, זענען אויך דא יונגע און זער טאלאנטירטע אמאטארן, וואס וואלטן שוין געקענט זיין פראפעסיאנעלע אקטיארן.

דאך איז אין דעם אמעריקאנער „גאלדענעם" לאנד נישטא קיין איין גוט יידיש טעאטער! און אז עס בלישטשעט ערגעץ־וואו אויף, ווי א ליכטעלע, איז עס א ביליקע מאכערייקע, וואס עס איז א שאד צו פארשווענדן די צייט דערויף. און דאס, וואס איז אמאלגעווען, איז אויך שוין נישטא . . .

אייגנטלעך איז „מיין טאטנס בית־דין שטוב" א סעריע דערציילונגען, באזירט אויף אמתע פאסירונגען ביי באשעוויס־זינגערס פאטער, וואס האט געוואוינט אין ווארשע אויף דער קראכמאלנע גאס און דארט געהאט זיין בית־דין שטוב. טאג־טעגלעך זענען מאסן יידן געקומען צו אים מיט זייערע דין־תורות אין דער שפראך פון דער הארטיקער „אינטעליגענץ". זייער לשון איז געווען זער פראסט און אסך מאל אפילו נידריק. אז דער רב האט זיי וועגן עפעס געפרעגט, האט איינער דעם צווייטן אפגעענטפערט מיט בייזע און ברודיקע ווערטער.

אז דער רב האט זיך א כאפ געטון פארן קאפ און אויסגעשריגן „מען טאר נישט שעלטן!" צוהאלטנדיק זיך דערביי ביי די אויערן, האט עס גאר־נישט געהאלפן. פלעגט ער ווייטער שרייען, „מען טאר נישט!. . . דרך־ארץ!. . . מען קען זיך פארגלייכן מיט גוטן!"

ביי שלום־עליכם ליגט דאס פאלקס־שעלטן אין מויל פון די פאלקס־מאמעס און מארק־יידענעס, דא אבער ליגן די געמיינע אויסדרוקן אין מויל פון אינטערוועלטס מענטשן, אזוי, אז דער רב מוז זיך אלעמאל אנכאפן ביים קאפ און צוהאלטן די אויערן, אויסשרייענדיק, „יידן, דרך־ארץ, דא שעלט מען זיך נישט! עס איז שענער צו פארגלייכן זיך מיט גוטן . . ." אזוי איז עס דעם רב אויסגעקומען צו מוסרן און אפעלירן צו די „גרויסע צדיקים" פון דער אונטערוועלט — זיינע פרנסה־געבערס.

פערזענלעך וואלט איך דאס אנגערופן א טראגי־קאמעדיע, מיט געלעכטער דורך טרערן.

די הויפט־ראלעס שפילן יעקב בן־עמי און בערטא גערסטן. יעקב בן־עמי אליין איז א קינסטלער מיט גרויס געשמאק. ער טרעט נישט אפ פון כאראקטער אפילו אויף איין מינוט, שפילט דעם רב ערלעך אזוי־ווי „גאט האט געבאטן". אין לעצטן אקט האט ער א באזונדערס קינסטלערישע סצענע — פרייטאג־צו־נאכטס, ווען דער רב קומט אהיים פון שול און עס איז נישט דא קיין וויין צו קידוש, קיין חלות. א גרויסע ארימקייט האט געהערשט ביים רב אין הויז. די רביצין באקלאגט זיך שטארק און דריקט אסך מאל אויס איר באדויערן וואס זי האט נישט חתונה־געהאט מיט א מאן, וועלכער קען ארבעטן און געבן א ווייב פרנסה.

בערטא גערסטן איז אן איידעלע שוישפילערין, און מען זעט עס אין דער סצענע ווי זי דריקט אויס איר באדויער הלמאי זי האט אוועקגעווארפן איר זונדעלע און האט, נעבעך, געמוזט דערצויגן ווערן ביי קאטאליקן אלס א יידישער אנטיסעמיט. זי קומט צום רב, אז ער זאל איר העלפן מיט איר שווער הארץ. זי קען נישט שלאפן און נישט עסן. זי האט חרטה אויף דעם, וואס זי האט געטון. ווען דער רב זאגט איר צו, אז מיט ג־אטס הילף וועט זי די צרה אריבערגיין, גייט זי איבער אין אן איידעלען, שטילן טאן מיט פיל פרייד דורך טרערן . . א דאנק . .

ריטא קארפענאוויטש, די טאכטער פון דירעקטאר פון ווילנער פאלקס־טעאטער, האט זער גוט און איידל געשפילט די רביצין און איר האט געקענט גלויבן, גאנצע הונדערט פראצענט, אז זי איז א רביצין, מיט אן איידעלען שטריך פון א רבס א ווייב.

ציפורה שפייזמאן שפילט די ראלע פון א פראסטאטשקע פון קראכמאלנע גאס זער כאראקטעריסטיש, און יעדעסווארט אירס טרעפט זיך אן מיט א דונער פון אפלויז. זי איז א פיינע כאראקטער־שוישפילערין. וואלט היינט געווען א טעאטער ווי אמאל, וואלט זי פארנומען דעם ערשטן פלאץ אלס כאראקטער־אקטריסע און זיך אנגעטראפן מיט דערפאלג.

מערעלין גאלד, מאריס אדלער, יאשא זעלדיס, בען פיוועלאוויטש, עלי ארנו, סארא סטעבין, משה ראזענפעלד, מאטיס סטיינבאק, ראשעל יאסעפאן, עליאס פאטראן, עווא אדלער, מינא קערן, יאסיף זילבערבערג און וויליאם מענש — אלע האבן געשפילט זייערע ראלן ערשט־קלאסיק.

דער קינסטלער־מחבר, באשעוויס־זינגער, פארמאגט דריי גרויסע זאכן: אן אומדערשעפטן טאלאנט, א געוואלטיקן ווילן און א כוח פון א לייב. מיט יעדן טאג ווערט ער יונגער, געזונטער און שטארקער. אפנים די גרויסע ליבשאפט צו זיין קינסטלערישער ארבעט און איבערגעגעבנקייט צו זיין יידיש פאלק גיבן אים אט די אלע גוטע זאכן. הערצו איז ער נאך א זון פון א טאטן א רב מיט אן אייגענער „בית־דין שטוב“. . .

איך, דער שרייבער פון די שורות, באגריס אייך אלע!

רות באכנער

## יידיש

(דאס ליד ווערט געזונגען אויף די קאנצערטן פון „ווימען פיאנער“־כאר)

יידיש דאס איז מיין שפראך,
יידיש איז א שיינע זאך;
מיר דארפן אלע אינאיינעם,
נישט שעמען זיך פון קיינעם.
שיין קלינגט דער יידישער אוי,
און דווקא אין יידיש, אט אזוי.

יידיש דאס איז מיין לעבן,
יידיש דאס איז מיין שטרעבן;
מ׳זאל גלייך דערקענען,
אז מיר שטאלצע יידן זענען,
שיין קלינגט דער יידישער אוי,
און דווקא אין יידיש אט אזוי.



הערן זאל סיי ייד סיי גוי,
ווי שיין מיר זינגען מיט יידישן אוי;
יידיש איז זייער שיין,
יידיש האט א ים מיט חן.

יידיש אוי! אוי! אוי! או!
און דווקא אין יידיש אט אזוי,
אוי! אוי!

נעט רובין

## יידיש אין מדינת־ישראל

א געבענטשט פאלק זענען מיר יידן מיט צוויי לשונות: העברעאיש און יידיש! יידיש איז אונזער גלות־שפראך, וואס ציט הינטער זיך א געשיכטע פון א קימא־לן פינף ביז זעקס הונדערט יאר. יידיש האט זיך אויסקריס־טאליזירט אין א ריין־ליטעראריש לשון, מיט וועלכן עס האבן גערעדט א פופצן־זעכצן מיליאן יידן קורץ פאר דער ערשטער וועלט־מלחמה און ארויס־געגעבן פון זיך א ריי דיכטער, פראזאאיקער און דראמאטורגן אין משך פון א צאל דורות ביז צום היינטיקן טאג, בעיקר אין די לענדער פון מזרח־אייראפע.

אפילו די ערשטע חלוצים, וואס האבן גענומען שטראמען צוריק קיין ארץ־ישראל, האבן מיטגעברענגט מיט זיך דאס מאמע־לשון. אזוי אויך יענע יידן, וועלכע האבן אויסגעוואנדערט קיין פראנקרייך, ענגלאנד, אמעריקע און אין אנדערע לענדער פון דער וועלט. היות דאס לשון פון נייעם לאנד איז זיי געווען אומבאקאנט — אין פיל פאלן האבן זיי קיין אנדער שפראך בכלל נישט באהערשט — האבן זיי געזוכט זיך אויסצולעבן מיט יידיש.

דער נאכקומענדיקער דור איז שוין הערצויגן געווארן אין דער שפראך פון לאנד, פארנאכלעסנדיק, צום באדויערן, יידיש אין גאנצן. אזוי ארום איז דער דריטער דור כמעט שוין אסימילירט. דאס יידישע לשון האט דעריבער געמוזט פארמינערט ווערן אויף א גרויסן פראצענט אין די אויפגעקומענע ישובים.

אין מדינת־ישראל ווערט יידיש אסך גערעדט, נישט בלויז פון די נייע עולים, נאר אפילו פונם דריטן דור סאברעס! זיי זענען נישט אפגעפרעמדט פון אונז, האלטנדיק זיך ביי בײדע לשונות אונזערע! ווען פון חוץ־לארץ א ייד קומט קיין מדינת־ישראל און רעדט נישט קיין אנדער לשון אחוץ יידיש, קאן ער נישט פארלוירן ווערן. וואוהין איינער דארף גיין, אויף וועלכער גאס ס׳זאל נישט זיין צי אפילו אויף אן אויטאבוס, אויב ער פרעגט זיך נאך אויף יידיש, וועט מען אים גלייך ענטפערן און טאקע אויף יידיש!

שול־יוגנט, די קומענדיקע דורות, וועלן לײדער שוין קיין יידיש נישט קענען, ווייל אלע זייערע לימודים זענען בלויז אויף עברית. אין די שולעס, נאכן צענטן יאר פון זייער לעבן, האבן זיי אן אויסוואל פון נאך אנדערע שפראכן, וואס זיי קענען זיך לערנען ווי ענגליש, פראנצויזיש, דייטש, אראַ־ביש, נאר נישט קיין יידיש . . . אויף דער ירושלימער אוניווערזיטעט לערנען זיך יא איניקע געציילטע יידישע סטודענטן יידיש. צום באדויערן איז עס ווי א טראפן אין ים!

אין מדינת ישראל האט זיך געשאפן א קאמיטעט, נישט לאנג צוריק, פון זעכצן פראמינענטע קולטור־טוער, בעמענדיק אויף זיך די איניציאטיוו אפצוראטעווען דאס יידישע לשון פון פארגעסן ווערן. ווינטשן מיר דעם קאמיטעט מוט, מזל און ברכה!

אבער אט די איניציאטיוו וועט גאר דעמאלט האבן א קיום ווען דער קאמיטעט וועט פועלן ביי דער רעגירונג, אז יידיש זאל אויך ווערן געלערנט אין די שולעס מיט קינדער. די ישראל־קינדער וואלטן נישט אנגעטראפן אויף קיין איבריקע שוועריקייטן ביי אזא לימוד, ווייל סאי עברית סאי יידיש נוצן דעם זעלביקן אלף־בית און אין דער היים הערט מען הערוויל דאך נאך, אין יעדן פאל, אסך יידיש. שאפן פאנדן ארויסצוגעבן דעם אדער יענעם שרייבערס ביכער, הגם ווינטשנסווערט און און פאר זיך, קען נישט און וועט נישט לייזן אט דאס פראבלעם פאר דער צוקונפט אן שול־אונטערריכט אין יידיש.

דאס יידישע טעאטער פארנעמט א זער חשוב ארט אין מדינת־ישראל! עס געפינען זיך דא א גאנץ שיינע צאל יידישע שוישפילער. ווי מען האט מיר איבערגעגעבן, זענען דא דא אן ערך זיבן־אכט יידישע טרופעס, וואס פארן ארום גאסטראלירן פון איין שטאט אין דער אנדערער און שפילן איבעראל אין געפאקטע טעאטערן, אויפפירנדיק יידישע פיעסן. איינע אזא פארשטעלונג איז דעם שרייבער פון אט די שורות אויסגעקומען בייצוואוינען אין חולון. דאס איז געווען אונטער דער דירעקציע פון ישראל וואלין, מיט אן אנסאמבל פון זעקס מענער און פיר פרויען. איינע פון זיי, א זער טאלאנטירטע שוישפילערין — מערי מאריסן — איז געהאט געקרוינט געווארן מיט אן ערשטן פרייז אויף א פעסטיוואל אין מדינת־ישראל, אויפטרעטנדיק דווקא מיט א יידיש ליד!

**י. ה. בינענפעלד** איז געשטארבן אין יידישן האספיטאל אין ווייטשעפל נאך א שווערער אפעראציע. אונזער טיפן מיטלייד צו די קינדער, איניקלעך און קרובים פונם נפטר.

אונזער טיפן מיטלייד צו **צביה** און **אייזיק גאלדבערג** צום טויט פון איר איינציקן ברודער יחיאל שאקארסקי.

„לשון און לעבן"

די פאטא־אויסשטעלונג אין ווייטשעפל „ארט־גאלעריע": „דאס איז ווייטשעפל" איז געמאכט מיט קינסטלערישן געשמאק פונם באקאנטן פאטאגראפירער איען בארי. — דאס יידישע רוישיקע לעבן פונם אמאליקן ווייטשעפל און פון איצטיקן, שוין כמעט אויסגעליידיקט, נעמען א נישקשהדיק אנטייל.

די בילדער פון חיה פרידמאן אין וועלכע סגעפינען זיך א סך געמאלטע לאנדשאפט און הייליקע מקומות אין ישראל, זיינען אויסגעשטעלט אין דער ווייטשעפלער „לייברערי".

**מיר ווינטשן דעם בעל יובל יוסף לעפטוויטש** צו זיינע שמונים, נאך א סך גוטע, געזונטע יארן, צוזאם מיט זיין פרוי, זייק לעבענס־באגלייטערין. און ווייטער אנגיין מיט זיין הייליקער עבודה.

„לשון און לעבן"

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־7 (העפט 406) 33־סטער יאר סעפ.-אק.־נאוו. 1972 לאנדאן

אינהאלט:

לכבוד חנוכה תשל"ג, די לעצטע תפילה פון אר"י הקדוש ........ ** 3
יאנוש קארטשאק (צום 30'סטן יארצייט) ליד. ........ יאקוב דזשערנאווסקי 9
דער חלום פון שלום אין פארכשופטן וועלדל. (א מעשה) דוד בערמאן 10
פאר מיין לאבערנום בוים. פריינט נ. רובין 72סטן געבורטסטאג
........ עלא זילבערג 13
דער טונקעלער־הומאריסטישער שרייבער אין קאירא ........ יוסף וויינשטיין 14
חלום שפיל (ליד) ........ רבקה קאפע 20
דער נישט־אנגעקומענער טאג (דערציילונג) ........ דזשיאוואנני פאפיני 21
פארן לעצטן גערהאנגל, אקטאבער לידער בערנארדל ........ א. נ. שטענצל 27
דער גרויסער נס, יידישע ארטיסטן און פריינט ........ סעם גאלדבערג 36
יידיש טעאטער אין לאנדאן ........ י. מ. 39
אין אונזער גארטן (ליד) ........ רות באכנער 40
וועגן (ליד) ........ יוסף רובינשטיין 40
מוזיק ........ מאיר באגדאנסקי 41
לאנדאנער קולטור־ידיעות

**יידיש־ליטעראַרישער שבת נאכמיטאג.** יעדן שבת 3 א זייגער אין בערנאט באראן סעטלמענט העניריקעס סטר. 33, א.1, איינטריט פריי.

רעדאקטירט א. נ. שטענצל
פרייז 10 פענס

עלא זילבערג ווינטשט א. נ. שטענצל פיל געזונטע צופרידענע יארן. ער זאל דערפרייען זיינע לעזער מיט זיינע נשמה־לידער.

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

מיר בעטן צו מערקן די נייע אדרעס פון רעדאקציע:־
7 GREATOREX HOUSE, GREATOREX STREET, LONDON, E.1, ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1.*